STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04073

YOSEF BOVSHOVER

Kalmon Marmor

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Judd Marmor
in memory of
his beloved wife, Katherina Stern Marmor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט הארציקע גרוס
קלמן מרמר

קלמן מרמר

יוסף באָוושאָווער

ש. ניגער

אַרויסגעגעבן פון
„קלמן מרמר יובילײ-קאָמיטעט“
ניו-יאָרק, 1952

Copyright by

THE KALMAN MARMOR JUBILEE COMMITTEE

New York

PRINTED IN THE U.S.A.

209

יוסף באָװשאָװער
1915־1872

אינהאַלט

זייט

פאַרוואָרט פון קאָמיטעט 5

אַריינפיר פון קלמן מרמר 7

אין דער אַלטער היים 9

ערשטע טריט אין אַמעריקע 10

באָװשאָװערס ערשטע שאַפונגען 12

באָװשאָװער נאָך עדעלשטאַטס טויט 17

באָװשאָװערס פּראָדוקטיװ יאָר 1893 21

באָװשאָװערס לידער קעגן די סאָציאַליסטן 23

נאָך לידער און סאַטירעס פון 1893 26

דיכטונג־לוסט 29

באַזיל דאל 34

יאוש געזאַנגען 38

באָװשאָװערס לעצטע שאַפונגען 45

די צוויי פעריאָדן פון באָװשאָװערס שאַפן 48

באָװשאָװער און עדעלשטאַט 57

באָװשאָװערס לעצטע טעג 64

ביבליאָגראַפיע פון יוסף באָװשאָװערס ווערק אין בוך־פאָרם 71

הערות 74

פאָרוואָרט

מיט דער מאָנאָגראַפיע „יוסף באָוושאָווער“, וואָס דער „קלמן מרמר־יובילײ־קאָמיטעט“ גיט אַרויס לכבוד דעם 75־יאָריקן יובילײ פון דעם חשובן ייִדישן היסטאָריקער און ליטעראַטור־פאָרשער, קומט צו נאָך איין גרינטלעך ווערק, וואָס באַלייכט דעם אָנהויב פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און אירע שאַפער.

עס איז נאַטירלעך, אַז אויך דאָס ווערק זאָל זיין פון דער פען פון קלמן מרמר, ווייל די איצטיקע מאָנאָגראַפיע איז אַ טייל פון אַ לעבנס־אַרבעט, וואָס קלמן מרמר האָט אויף זיך גענומען צו רעסטאַווירן דאָס אָרט און די באַדייטונג פון דער פראָלעטאַרישער ייִדישער דיכטונג אין אַמעריקע. צוזאַמען מיט זיינע פריערדיקע ווערק [די פולע צען־בענדיקע אויסגאַבע פון אַלע ווערק פון מאָריס ווינטשעווסקי (פאַרלאַג „פרייהייט“, 1927), וואָס ק. מרמר האָט רעדאַגירט און פאַר וועלכער ער האָט צוגעגרייט אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיש־קריטישע אָפּהאַנדלונג, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן ערשטן באַנד; די אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון דוד עדעלשטאַט אונטער מרמרס רעדאַקציע (דערשינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, 1935); „דער אָנהויב פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע“ (פאַרלאַג־שרייבער סעקציע פון „איקוף“, 1944); „דוד עדעלשטאַט“ (פאַרלאַג — „איקוף“ און קלמן מרמר־יובילײ־קאָמיטעט, 1950); „אהרן ליבערמאַנס בריוו“ (פאַרלאַג — ייוואָ, 1951)] שטעלט דאָס איצטיקע ווערק מיט זיך פאָר די געשיכטע און די אידייאישע אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אין משך פון לעצטן פערטל פון 19־טן יאָרהונדערט, געשריבן פון דעם מענטשן, וועמעס באַהאַוונטקייט אויף דעם געביט איז איינציק און ניט צום פאַרגלייכן אין דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג אין אַמעריקע.

קלמן מרמר צייכנט זיך אויס נישט נאָר מיט זיין אויסערגעוויינלעכער באַהאַוונטקייט אין דעם פעריאָד, נאָר אויך מיט אַ באַשטימטער עמאָציאָנעלער איינשטעלונג און וואַרעמער באַציאונג, וואָס ער האָט צו די שאַפער און גרונטלייגער פון דער ייִדישער ליטעראַטור דאָ אין לאַנד. מער ווי דאָס: מרמר טרעט צו צו זיין אַרבעט מיט אַ באַשטימטער ציל־באַוואוסטקייט (און אפשר צוליב דעם האָט ער זי געמאַכט פאַר זיין לעבנס־אַרבעט) און דאָס איז — צו רעסטאַווירן די פיאָנערן פון דער ייִדישער אַרבעטער־דיכטונג ניט נאָר פאַר זייער צייט, נאָר אויך פאַר אונדז היינט־צו־טאָג. זייער אידייען־

אַנגעזעטיקטקייט און די פאַרשטענדעניש פאַר דער סאָציאַלער מיסיע פון דער ליטעראַטור, וואָס כאַראַקטעריזירט די פיאָנערן, רוקט ער אַרויס, ווי אַ וועגווייזער פאַר דער יידישער ליטעראַטור־שאַפונג היינט־צו־טאָג.

דערביי רוקט קלמן מרמר אַרויס צוויי גרונט־איינשטעלונגען אין זיין צוגאַנג: א) „די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן פון אייראָפּע . . . זי איז אַרויסגעוואָקסן פון די באַדינגונגען פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן" („דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ז' 5) און ב) אַז די ליטעראַטור איז בלויז דעמאָלט ווירקזאַם, ווען זי שטייט נאָענט צום לעבן פון די פאָלקס־מאַסן, דריקט אויס זייער לעבן, קאַמף און חלום און העלפט זיי אַזוי־אַרום באַהערשן זייער סביבה און געשטאַלטן זייער גורל. אין דעם זין האָט מרמר אונטערגעשטראָכן די שותפותדיקייט פון די אַמעריקאַנער קלאַסיקער מיט די דריי אייראָפּייאישע קלאַסיקער — מיט מענדעלען, שלום עליכמען און י. ל. פרצן. ער העלפט אַזוי־אַרום באַשטעטיקן די איינשטעלונג, אַז די שטריכן פון פאָלק־נאָענטקייט, דער פּראָטעסט קעגן דער עוולה, דער קעמפערישער הומאַניזם א. ד. גל. זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ביידע זייטן ים און אַז די שטריכן האָבן איר געגעבן דעם פאָלקיש־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין איר קלאַסישן פעריאָד.

פאַר אונדז היינט איז דאָס ווערק, ווי יעדעס ווערק פון קלמן מרמר, מער ווי פון אַ היסטאָרישן ווערט. עס גיט אונדז די מאָס, מיט וועלכער מיר קאָנען מעסטן ניט נאָר די געזונטע שטרעבונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די אומגעזונטע, אַנטי־פאָלק אָפּווייכונגען פון די „יחידימיסטן", די „לעצטיסטן" און די אַנדערע, וואָס מערן זיך אַזוי שטאַרק לעצטנס ביי אונדז.

דאָס איצטיקע ווערק איז נאָך אין בוך־פאָרם קיינמאָל ניט דערשינען און מיר ברענגען עס מיט פרייד צום יידישן לייענער, וועלכער וועט דורך דעם האָבן די געלעגנהייט זיך געניט צו באַקענען מיט דעם טראַגישן לעבן און דעם ווערטפולן שאַפן פון איינעם פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

און ווייל דאָס בוך איז אַ יובל־אויסגאַבע, וויל דער קאָמיטעט אויסנוצן די געלעגנהייט און ווינטשן דעם מחבר אריכת ימים — לאַנגע, שעפערישע יאָרן.

פאַר דעם

קלמן מרמר יובליי־קאָמיטעט

א. גאָלדבערג

ניו־יאָרק, 1952

אַרײַנפיר

איבער יוסף באָװשאָװער האָב איך געשריבן מער אָביעקטיװ, װי איבער די אַנדערע דרײַ אַרבעטער־פּיאָנערן פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור אין יידיש: מאָריס װינטשעװסקי, מאָריס ראָזענפעלד און דוד עדעלשטאַט.

עמאָציאָנעל איז דוד עדעלשטאַט מיר געװען דער סאַמע נאָענטסטער. זײַנע פּערזן „אין קאַמף" און „מײַן צװאה" האָבן אין מיר געזונגען װען איך האָב זײַענדיק אַ „לערן־ייִנגל" (אַרום 1893) בײַ אַ טאָקער אין מײַשאַגאָלע געדרייט מיט מײַן פוס דעם ראָד פון מײַן װאַרשטאַט. זייער ריטם האָט באַװעגט מײַן האַנט, װען זי האָט געטאָקט דאָס האָלץ מיט אַ שאַרפן דלאָט. כ'בין דעמאָלט געװען אױסערסט סענטימענטאַל און געפילט אין זיך אַ טייל פון עדעלשטאַטס האַרץ און זעל. אינטעלעקטועל אָבער איז מיר געװען נעענטער מאָריס װינטשעװסקי, װעמעס דרייצן סאָציאַליסטישע „אני מאמינס" כ'דערלערן אויף אויסווייניק, ווי אַמאָל דעם רמב"מס.

די נאָענטקייט צװישן װינטשעװסקין און מיר װאַקסט כסדר זינט מיר באַקאָנען זיך פערזענלעך יאָרן שפּעטער, אין ניו־יאָרק, און מיר װערן נאָענטע חברים און פריינט.

אין מײַן צװייטן „לערן־ייִנגל"־פּעריאָד, אין װילנע, דערהער איך דאָס געזאַנג פון דעם שניידער־אַרבעטער מאָריס ראָזענפעלד. זײַן ליד איז פאַר מיר צװערשט אַ המשך פון מיכל גאָרדינס און אליקום צונזערס געזאַנגען, װעלכע מײַן באָבע און מײַן טאַטע פלעגן זינגען אין דאָרף און אין שטעטל מיישעגאָלע. װען כ'דערפיל ראָזענפעלדס מייסטערשאַפט בין איך שטאָלץ, װאָס אָט דער טאַלאַנטפולער דיכטער איז אַ „ברודער אַרבעטער".

פון יוסף באָװשאָװער דערװיס איך זיך אין לאָנדאָן ערשט אינעם 20־טן יאָרהונדערט. כ'בין שוין דעמאָלט — מער־װייניקער — באַקאָנט מיט דער נייער ליטעראַטור אין יידיש. כ'װייס פון מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם; דוד פינסקי, אברהם רייזען און פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבות, מיט װעלכן איך טרעף זיך אין דער שװייץ, װאו מיר װערן אינטימע פריינט און פירן ליטעראַרישע שמועסן און דיסקוסיעס.

אין לאָנדאָן װאױן איך דעמאָלט און אַרבעט אין איין צימער מיט דעם העברייאישן שרייבער יוסף חיים ברענער. מיר שמועסן אַ סך װעגן דער תנ"כישער און תלמודישער ליטעראַטור, דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע און די ניי־העברייאישע רוסלאַנד. כ'שטודיר די ענגלישע ליטעראַטור. ס'גייען אָן אין מיר געראַנגלס צװישן רעאַליסטן און פאַנאַטיקער, פּרע־ראַפאַעליטן, װאָלטער פּייטערס, אָסקאַר װיילד א. אַנד. צו יוסף באָװשאָװערן דערגיי איך דעמאָלט ניט.

יאָרן שפּעטער, אין אַמעריקע, װען כ'הויב אָן שרייבן װעגן די פּיאָנערן, האָב איך גרייטע יוגנטלעכע איינדרוקן פון דוד עדעלשטאַט, די אױסערגעװייטלעכע מאָראַלישע פערזענלעכקייט; מאָריס ראָזענפעלד, דער „טרערן־מיליאָנער" און מייסטער־זינגער אין אַלערליי ריטמען; מאָריס װינטשעװסקי, דער זיידע פון דער יידישער אַרבעטער־ליטעראַטור אין אַמעריקע; דער דיכ־

טער „בן־נץ" און דער פעליעטאָניסט „יגלי" פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין העברייאיש.

וועגן באָוושאָווערן אָבער שרייב איך גאַנץ אָביעקטיוו. כ'האָב צונויפגעזאַמלט מאַסן ביאָגראַפישן מאַטעריאַל. כ'האָב דיסקוטירט וועגן אים מיט יידישע שרייבער אין אַמעריקע און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פון אַלערליי ריכטונגען: מאַרקסיסטישע און אַנאַרכיסטישע, סאָציאַל־רעאַליסטישע און ליבעראַל־עסטעטישע. די אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון זיינע געזאַמלטע שריפטן, וועלכע כ'האָב צוגעגרייט פאַרן יידישן אינסטיטוט ביי דער אַל־אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט אַנטהאַלטן אַלע זיינע שאַפונגען אין יידיש און ענגליש, פּאָעזיע און פּראָזע, טעאַטער און ליטעראַטור־קריטיק. ס'האָט אויך געהאַט אַ וויסנשאַפטלעכן אַריינפיר פון אַ סאָוועטיש־יידישן דענקער און ליטעראַטור־קריטיקער.

ליידער, האָב איך זיך געמוזט צוריקקערן קיין אַמעריקע איידער כ'האָב באַוויזן צו מאַכן קאָפּיעס פון די פאַרשידענע צוגעגרייטע טעקסטן און מאַנוסקריפּטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער דרוקעריי און אין באַזונדערע „אָפּיסעס" און רעדאַקציעס.

מיין באָוושאָווער־אַרבעט אינעם צווייטן יאָרבוך פון „אַם־ייוואָ" (אַמעריקאַנעם ייוואָ אָפּטייל) האָט דאָרום מיך ווייט ניט צופרידנגעשטעלט. נאָר איבעראַרבעטן דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן באָוושאָווערן איז געווען צופיל אַרבעט. האָב איך ליבער אָפּגעגעבן זיך מיט פאַרענדיקן מיינע צוויי אַנדערע, שוין כמעט פולשטענדיקע ווערק: „אהרן ליבערמאַנס בריוו" און „דוד עדעלשטאַט".

כ'האָב עטלעכע מאָל געפּרוואווט אָנוויזן אויף די הויפּט־אונטערשיידן צווישן עדעלשטאַט און באָוושאָווערן. נאָר תמיד אויסגעלאָזן דעם סאַמע וויכטיקסטן אין מיין האַרץ.

אין פאַרגלייך מיט עדעלשטאַטן איז באָוושאָווער אַ קינד, ניט געקוקט אויף זיינע פילע אויסערגעוויינלעכע פּיאַיקטן. ער האָט זיך געפונען אין אַ אַנאַרכיסטישער סביבה, האָט נאָכגעזאָגט אַלע זייערע לאָזונגען און זיך באַטראַכט פאַר אַ נאָכפאָלגער פון עדעלשטאַטן, כאָטש ער וואָלט אין יענעמס אויגן ניט געווען קיין אַנאַרכיסט.

יוסף באָוושאָווער איז געווען צוערשט און צולעצט אַ דיכטער. ער האָט געלעבט אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע און עס ניט באַגריפן ביז זיין סאַמע סוף, ווען זיינע ברעקלעך רעאַלקייט פאַרלאָזן אים אינגאַנצן. מעגלעך, אונטער אַנדערע אומשטענדן, ווען ער לעבט אין רו און פרידן און דאַרף ניט זאָרגן פאַר זיין עסן און קליידונג וואָלט ער, באָוושאָווער, געקאָנט שאַפן באַדייטנדיקע קינסטלערישע ווערק, גענומען פון זיין רייכער פאַנטאַזיע און דורכגעדרונגען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, מענטשן־ליבשאַפט און אָרענטלעכקייט, האָט ער געקאָנט דערגרייכן צו אַזוינע פּאָעטיש־פילאָסאָפישע הויכקייטן, וועלכע זיינע חברים און פריינט האָבן זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן.

קלמן מרמר

לאָס־אַנדזשעלעס, 1952.

יוסף באָוושאָווער געהערט צום צווייטן פּעריאָד פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דיכטונג אין אַמעריקע. ווען באָוושאָווער קומט קיין אַמעריקע, זיינען שוין דאָרט פּאָפּולער די רעוואָלוציאָנערע לידער פון מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד און דוד עדעלשטאַט. זייערע לידער ווערן שוין דעמאָלט געזונגען אין ברייטע אַרבעטער־קרייזן. זיי אַליין, די דריי דיכטער פון די 80ער יאָרן, זיינען שוין געווען אַלגעמיין אָנערקענט אַלס די „פאָלקס־פּאָעטן" פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

אין זיינע ערשטע לידער (זומער, 1892) טרעט אויף באָוושאָווער ווי אַ נאָכפאָלגער פון ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד און עדעלשטאַט. ער ציט דעריבער צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט צו זיך. נאָך מער — ער זעט זיך ניט אָן מער, אויב ניט ווייניקער, ווי די אַנדערע יונגע דיכטער פון יענער צייט: נחום באַבאַד, בנימין ראָזענבלום, יצחק זיילין א. אַנד. ווען דוד עדעלשטאַט שטאַרבט, דעם 17טן אָקטאָבער, 1892, ווערט אויפן טרויער־אָוונט אין ניו־יאָרק דעקלאַמירט דאָס ליד וועגן אים פון באַבאַדן און ניט דאָס ליד פון באָוושאָווערן. ס'געדויערט ביי באָוושאָווערן לאַנג, ביז ער געווינט זיין אָנערקענונג; להיפּוך צו די רעוואָלוציאָנערע דיכטער פון די 80ער יאָרן ווערט באָוושאָווער פולקאָם אָנערקענט ערשט דעמאָלט, ווען זיין געזאַנג הערט אויף.

1

אין דער אַלטער היים

יוסף באָוושאָווער איז געבאָרן געוואָרן ערב יום־כפור, 1872[1] אין ליבאַוויטש[2], געוועזענע מאָליווער גובערניע, אין ווייס־רוסלאַנד. זיין פאַמיליע האָט געשטאַמט פון „חזנים און לומדים פון דער מוטערס צד און סוחרים פון פאָטערס צד"[3]. דער פאָטער, אַ מלמד פון גמרא[4], אַ גרויסער פאַנאַטיקער, האָט יוסף באָוושאָווערן דערצויגן שטרענג אָרטאָדאָקסיש. ער האָט אים געשיקט אין חדר צו אַנדערע מלמדים און שפּעטער ווען יוסף האָט שוין געהאַלטן ביי גמרא האָט ער (דער פאָטער) אַליין געלערנט מיט אים.

דער יונגער באָוושאָווער האָט מיט אינטערעס געלערנט דעם תנ"ך, אַזוי ווי זיינע פינף ברידער, ליבאַוויטשער משכילים. ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן ווייניק חשק צו דער גמרא און ניט געקאָנט אויספילן זיין פאָטערס אַמביציע צו מאַכן פון אים אַ רב אָדער כאָטש אַ חזן און שוחט, ווי צוויי פון זיינע (יוסף באָוושאָווערס) ברידער זיינען עס געוואָרן.

אַנשטאָט צו זיצן און לערנען, פלעגט יוסף באָוושאָווער „פלוצלינג נעלם ווערן פון דער היים און זיך באַהאַלטן ערגעץ, כאָטש זוך אים אין עק וועלט, ניטאָ"[5]. זיין „באַהעלטעניש" איז געווען, אַזוי ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביי זיין „געליבטע", זיין „זיסע" נאַטור.

אין זיין ליד „דערינערונגען פון מיין קינדהייט" שילדערט באָוושאָווער, ווי אַזוי ער האָט מיט זיין איינציקער שוועסטער (וועלכער ער האָט געווידמעט זיין ליד) „בלומען געקליבן ביי די בלויע בערג", ווי אַזוי ער האָט אַן אַנ־דערש מאָל אַליין שפּאַצירט ביי דער וואַסער־מיל, איז אַרויף אויפן בערגל, „וואו די בלומען בליען", וואו ס'האָט אים באַלד „באַרוישט דער דופט פון גרינעם וואַלד, פון דער פרישער לופט", און וואו ער האָט זיך „אויף בלומען־בייטן געשפּילט", און די קוויטן אין זיין האַרץ געפילט. אָט אַזוי האָט ער דאָרט „דעם גאַנצן טאָג" פאַרבראַכט און איז „פריילעך געקומען אַהיים פאַר־נאַכט".

דערזעען, אַז פון יוסף באָוושאָווערן וועט שוין קיין למדן ניט אַרויסקו־מען, האָט זיין פאָטער געפּרוּווט מאַכן פון אים אַ סוחר. דער יונגער באָוו־שאָווער בלייבט אָבער ניט לאַנג אונטער זיין פאָטערס רשות. ער רייסט זיך אַרויס פון ליובאַוויטש קיין ריגע, וואו ער איז אַרום פיר יאָרן באַ־שעפטיקט אַלס אַנגעשטעלטער אין אַ מעל־קראָם.

פון יוסף באָוושאָווערס לעבן אין ריגע ווייסן מיר בלויז דאָס, וואָס עס דערציילט זיין חבר מאַקס נ. מייזעל[6], וועלכער האָט אים דאָרט געטראָפן אין 1888טן יאָר: „ער האָט געמוזט אַלט זיין אַ יאָר זעכצן[7] און האָט געדינט אַלס שיק־ייִנגל אין אַ גרויסן מעל־געשעפט. דער שיינער קאָפּ שוואַרצע, געקרייזלטע האָר האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן פון די מיט מעל באַשאָטענע, אָרעמע קליידער, און דער שווערער קאַשעק מיט מעל־זעקעלעך האָט דאָך ניט אָוועקגענומען דעם ליבן קינדערשן שמייכל פון זיין געזיכט".

אין ריגע כאַפּט אויף באָוושאָווער די דייטשישע שפּראַך. „ניט לער־נענדיק קיין דייטש", האָט ער דאָך „געקענט אויסווייניק זיין היינע"[6]. ער איז, אָן ספק, אויך געווען באַקאַנט מיט אַנדערע דייטשישע דיכטער און, מעג־לעך, שוין דעמאָלט געלייענט אויך די דייטשישע דערציילונגען וועגן דער שיינער „נימפע", וואָס וואוינט אין אַ ברונעם, פאַנטאַסטיש און ליבנד, און איידל", — די „נימפע", וועגן וועלכער באָוושאָווער זינגט אין זיינע „לוסט־לידער".

2

ערשטע טריט אין אַמעריקע

אין אָקטאָבער, 1891 [7] קומט אָן יוסף באָוושאָווער קיין אַמעריקע, וואו ס'געפינען זיך שוין דעמאָלט אַ פּאָר פון זיינע עלטערע ברידער. ווי דאָס רוב ייִדישע אימיגראַנטן פון יענער צייט, ווערט ער צוערשט אַריינגעצויגן

אין שאָפּ. זיינע „אויסגעגרינטע" פריינט קליי בן פאַר אים אויס די אַרבעט פון אַ „פאַריער" (פוטער־מאַכער), וואָס האָט זיך דעמאָלט בעסער באַצאָלט, ווי שניידעריי[8].

די באַדינגונגען אין די שוויץ־שעפּער זיינען אָבער ניט געווען בעסער ביי די פוטער־מאַכער, ווי ביי די שניידער און באַוושאָווער פאַרלאָזט באַלד דעם שאָפּ. לויט ד״ר מיכאל קאָן, האָט באַוושאָווער פאַרלאָרן זיין אַרבעט־פּלאַץ, ווייל ער פלעגט דאָרט פאַרלייענען זיינע לידער. רעכענענדיק זיך מיט זיין (יוסף באַוושאָווערס) דערפאַרונג אַלס אַנגעשטעלטער אין אַ מעל־קראָם, קויפט אים אַ ברודער אַ „גראָסערי־סטאָר" (באַקאַליי־קראָם). באַוושאָווער האָט אָבער ניט געהאַט קיין געשעפט־פייאיקייט און ער ווערט אינגיכן אויס קרעמער[9]. ניט מער דערפאַלג האָט באַוושאָווער געהאַט אויך אַלס אַנגע־שטעלטער אין אַ צוויטנס אַ קראָם. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן זיך אויף אים ווייניק פאַרלאָזן אויך אַלס אַנגעשטעלטן. פון צייט צו צייט האָט זיך באַוושאָווער פאַרנומען מיט געבן שטונדן אין דייטש. ער איז אָבער ניט געווען קיין פּינקטלעכער לערער. ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט זיין ליד ווי מיט זיינע לערער־פאַרפליכטונגען.

יוסף באַוושאָווער קומט קיין אַמעריקע אין אַ צייט פון אַ שטאַרקער אויפ־לעבונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע בכלל און צווישן די יידישע אַרבעטער בפרט. אַלס פירער פון דער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער־פּאַרטיי טרעט אַרויס דער געלערנטער און פּאָליטישער טוער, דאַניעל דעליאָן, אַ געוועזענער פּראָפעסאָר פון דעם אָנגעזעענעם קאָ־לאָמביא־אוניווערסיטעט. אַדאַנק דעליאָנס לעקציעס איבער מאַרקסיזם און זיין אומאויפהערלעכער אָרגאַניזיר־אַרבעט ווערן אין דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער באַוועגונג אַריינגעצויגן נייע שיכטן פון איינגעבאָרענע אַמערי־קאַנער אַרבעטער און אויך אינטעליגענטן. אונטער דער אָנפירונג פון דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" הייבן אָן די יידישע טרייד־יוניאָנס אָן ענערגישע קאַמפּאַניע קעגן דער סוועט־שאָפּ (שוויץ־פאַבריק). ס'ווערן אָפּ־געהאַלטן קאָנפערענצן פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס וועגן פאַרשיי־דענע פּראָבלעמען פונעם אַרבעטער־לעבן. ס'קומען אַריבער צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן נייע יידישע אינטעליגענטע קרעפטן פון ענגלאַנד און פון רוס־לאַנד, און זיי העלפן דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי צו פאַרטיפן און צו פאַרברייטערן איר טעטיקייט צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אינגיכן הייבט אָן דערשיינען אין יידיש אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער חודש־זשורנאַל און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעגלעכע צייטונג.

פון דער אַנדערער זייט, לעבט דורך די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אַ קריזיס. די אַנאַרכיסטישע וועכנטלעכע צייטונג „פרייע אַרבעטער־שטימע" שטעלט זיך אָפּ. אייניקע אַנאַרכיסטישע פירער גייען אַריבער צו די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן. אַנדערע לאָזן זיך אַוועק זוכן פּערזענלעכע קאַריערעס אַלס דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן א. ד. גל. אָדער אַלס געשעפטסלייט, פּאַב־

ריקאַנטן, הייזער־און באַדן־ספּעקולאַנטן א. אַז. וו. אומזיסט מוסרט זיי דער קראַנקער דיכטער עדעלשטאַט פון זיין קראַנקן־צימער אויף די בערג פון קאָלאָראַדאָ. קיינער האָט מער ניט געקאָנט אָפּהאַלטן זייער אַריבער־לויפן אינעם בירגערלעכן לאַגער.

באָוושאָווער געפינט ניט מער קיין מער אָדער ווייניקער ברייטע מאַסן אין די אַנאַרכיסטישע רייען. די מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן זיך גרופּירט אַרום דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי", וואָס האָט זיי אָר־גאַניזירט צום קאַמף פאַר זייערע טאָג־טעגלעכע נויטן. די מערהייט פון די אַנאַרכיסטישע גרופּעס, די „פּיאָנערן" און די „ריטער פון פרייהייט" זיינען זיך צעפאַלן. די איבערגעבליבענע אַנאַרכיסטישע אַנהענגערשאַפט גיט זיך אָפּ הויפּטזעכלעך מיט זוכן פעלערן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער יוגנטלעכער באָוושאָווער האָט זיך ווייניק פאַרנומען מיט פּאָלי־טישע פּראַגעס. כאָטש ער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן געאַרבעט אַרום דער „פרייע אַרבעטער־שטימע" און געהאָלפן פאַרשפּרייטן אַנאַרכיס־טישע ליטעראַטור און פירן אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע [3] איז אָבער זיין הויפּט־אינטערעס געווען אויפן ליטעראַרישן געביט. זיינע ערשטע לידער שיקט ער צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג". דאָס באַ־ווייזט, אַז יוסף באָוושאָווער האָט זיך נאָך דעמאָלט (אין יולי, 1892) ניט באַ־טראַכט פאַר קיין־פּאַרטייאישן אַנאַרכיסט. אמת, באָוושאָווער האָט דעמאָלט ניט געהאַט קיין אַנדער פּלאַץ וואו צו דרוקן זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער. די אַנאַרכיסטישע „פרייע אַרבעטער־שטימע" איז שוין געווען אונטערגעגאַנ־גען. אַן אויסגעשפּראָכענער אַנאַרכיסט וואָלט אָבער אין יענער צייט בשום אופן ניט געווענדט זיך צום אָפיציעלן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָרגאַן, וואָס האָט כמעט אין יעדן נומער אויסגעלאַכט די ירידה פונעם אַנאַרכיסטישן לאַ־גער און געזוכט אויסצוואָרצלען די לעצטע שפּורן פון דער אַנאַרכיסטישער ווירקונג אויף די יידישע אַרבעטער.

3

באָוושאָווערס ערשטע שאַפונגען

באָוושאָווערס לידער אין דער „אַרבעטער־צייטונג" דרוקן זיך אונטערן פּסעוודאָנים מ. טורבאָוו [10]. ער זינגט דאָרט מיט אינעם כאָר פון די יוגנט־לעכע דיכטער, י. זיילין, ה. סטרונסקי, ז. קאָרנבליט, בנימין ראָזענבלום א. אַנד. דאָס רוב יוגנטלעכע דיכטער אין אַמעריקע האָבן דעמאָלט נאָכגעזונגען מאָריס ראָזענפעלדס אומעטיקע שאַפּ־לידער. ס'האָט זיי אָבער אַלעמען נאָך געפעלט ראָזענפעלדס מייסטערשאַפט און וואולקאַנישער טעמפּעראַמענט.

אויך יוסף באָוושאָווערס ערשטע לידער זיינען פון דעם זעלביקן מין: „קאַפּיטאַלס אַ קרבן" (יולי 8, 1892), „אַ שטאַרב ניט מיין האַרץ" (15טן יולי), „עס איז אַ טרוים דאָך ריכטיק" (5טן אויגוסט), „אַ קרעכץ־ליד" (19טן אוי־

גוסט), „אין שאָפּ" (9טן סעפּטעמבער), „צו די שטערן" (16טן סעפּטעמבער).

זיין ערשטע ליד „קאַפּיטאַלס אַ קרבן" (אַריין אין זיינע שריפטן אונטערן נאָמען „אָפן שטערבע־בעט"), איז אַן עכט טרערן־ליד. עס זוכט צו דערוועקן רחמנות: אַ קראַנקער אַרבעטער, וואָס האַלט ביים שטאַרבן, ליגט אין אַ קעלער־שטוב אויף דער ערד „אויף אַ זאַק אויסגעצויגן, מיט שמאַטעס באַ־דעקט". אין צימער איז ניטאָ קיין אויוון, די פּאַדלאָגע איז צעפּוילט און „עס זעט זיך די ערד גאָר פאַרפראָרן און נאַס". אַרום קראַנקן שטייען געקליידט אין שמאַטעס „די וויב מיט די קינדערלעך" — „עס גיסן זיך טרערן פון זייערע אויגן". זיי שרייען און יאָמערן: „אַ, פּאַטערל, שטאַרב ניט! — — — מיר וועלן דאָך אַלע פון הונגער אויסגיין". באַזונדערס „יאָמערט מיט גרוילן אַ קליינינקער ייִנגעלע, פיר יאָר ערשט אַלט". דער קראַנקער בעט זיך, זיי זאָלן אים לאָזן „גאַנץ רואיק באַגעגענען דעם טויט", ווייל ער „קאָן מער ניט טראָגן דעם הונגער און נויט", וואָס דער שאָפּ האָט אים געגעבן פאַר זיין שווערער אַרבעט.

אַן ענלעך ליד האָט אויך געשריבן ווינטשעווסקי (אינמיטן פון די 80קער יאָרן): „דברי שכיב מרע" (רייד פון אַ קראַנקן, „אַרבייטער־פריינד", סעפּ־טעמבער, 1885). ווינטשעווסקי אָבער פאַרגיסט דאָרט ניט קיין טרערן, נאָר אַגיטירט פאַרן קלאַסנקאַמף. ביי ווינטשעווסקין ליגט ניט דער קראַנקער אַר־בעטער אויף דער ערד, נאָר אויף אַ דאַר בעט („וואָס איז האַרט ווי אַ קצינישע האַרץ"), „אין אַ טונקל צימער אָן מעבל, אָן פוץ" — „די קינדער שווייגן, דער עלטערער נאָר וויינט; ער איז אַלט אַ יאָר צוועלף, ער פאַרשטייט און ער קלאָגט". דערפאַר אָבער רעדט אַ סך ביי ווינטשעווסקין דער קראַנקער אַרבעטער. ער שילדערט זיין שווער לעבן און הייסט זיין ייִנגל ווערן אַ סאָ־ציאַליסט. ביי מאָריס ראָזענפעלדן האַלטן ניט די אַרבעטער קיין רעדעס אויפן קראַנקן בעט. דאָס רוב פאַלן זיי אַוועק ביי דער אַרבעט („דער אַל־טער שניידער", „פּרעגקל" א. אַנד.) אָדער זיי שטאַרבן מיט אַ קרעכץ איבער דער שוידערלעכער צוקונפט, וואָס דערוואַרט זייערע קינדער („די ערשטע ווייִדזשעס" א. אַנד.).

דורכגעזאַפּט מיט טרערן איז אויך באָוושאָווערס צווייט ליד, וואָס איז שטאַרק באַווירקט פון עדעלשטאַטן. יוסף באָוושאָווער רופט דאָרט אויס: „אַ, שטאַרב ניט, מיין הערץ, פון די רירנדע סצענען, וואָס איך זע אין יעט־ווידער מינוט!" ער וואָלט, זאָגט ער, „באַגעגנט מיט שמחה" דעם טויט, ווייל ער נאָר באַפרייט אים „פון נויט". ווען ער זעט אָבער „די הענקער, די רויבער, די שינדער", וויל ער לעבן און קעמפן און „פאַרשניידן טיראַ־נען פון אַ פעלד" און שטאַרבן „ווי אַ העלד".

אין דעם ליד „אַ קרעכץ" דערציילט באָוושאָווער, אַז ווען דער מידער שקלאַף גיט אין שלאָף „אַ שווערן קרעכץ פאַר שמערץ", אַזוי וואַנדלט זיך אויך אין אַ פּאַנאָגראַף זיין (באָוושאָווערס) „שוואַכעס, קראַנקעס הערץ" (דער דאָזיקער נוסח האָט געהערט עדעלשטאַטן און ראָזענפעלדן. באָוושאָווערס

האַרץ איז נאָך דעמאָלט געווען געזונט און קרעפטיק). דער קרעכץ נעמט אין זיך אַריין „די, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן פון אייגענע צרות, שמערץ און פיין, אַלס פינצטערער שקלאַף, אַלס אַרבעט־מאַן". ווען דער קרעכץ ווערט „איבערפול", ווייל דער דיכטער צום שקלאַף גיין און „אַ קרעכץ טאָן מיט אַמאָל, ער זאָל פאַר שרעק פון שלאָף אויפשטיין".

שטאַרק באַווירקט פון ראָזענפעלדס שאָפּ־לידער (פון דער שניידער־פאַבריק) און טיילוויז פון ווינטשעווסקיס ליד „דאָס געשפענסט", איז באַוו־שאַוועלס ליד „אין שאָפּ". ער דערציילט, אַז אין שאָפּ „איז פינצטער ווי אין טונקעלן קבר — — — נאָס און שמוציק, ווי זיין דרויסן — די מאַשינען קלאַפּן, רוישן". גלייכצייטיק „שוועבן שוואַרצע, דיקע וואָלקנס" אויפן הימל און ער זעט כסדר „שוואַרצע בילדער" פון זיין לעבן. ער זיצט „גאַנץ שטיל אין ווינקל", גייט און קלערט און אין די אויגן ווערט אים טונקל. פּלוצלינג „עפנט זיך אַ ברעט" און „עס שרייט אַרויס אַ סקעלעט" — דער „שרעקנס־ענגל" „סלעק" (אַרבעטלאָזיקייט) — וואָס דראָט אים מיט אונטערגאַנג . . .

דאָס איינאייניציקע ליכטיקע ליד צווישן באַוושאַווערס ערשטע לידער איז „עס איז אַ טרוים — דאָך ריכטיק". ס'איז קענטיק באַווירקט געוואָרן דורך דעם קריגערישן סטרייק פון די שטאָל־אַרבעטער אין האָמסטעד, ביי וועלכן ס'איז אויך פאָרגעקומען דעם 23סטן יולי, 1892, אַן אומגעלונגענער אַטענטאַט פון דעם אַנאַרכיסט אַלעקסאַנדער בערקמאַן אויף דעם שטאָל־פאַבריקאַנט, וואָס האָט ברוטאַל פאַרפאָלגט די סטרייקער. באַוושאַווערס ריכטיק־געוואָרע־נער „טרוים" באַשטייט אין דעם, וואָס אַ „שעפּסל" (די אַרבעטערשאַפט), וועלכע דער „וואָלף" (קאַפּיטאַל) „פרעסט מיט אַפּעטיט" און „האָלט שוין ביי די ביינער", נעמט זיך „דערהייבן" און ווערט „פאַרוואַנדלט אין אַ לייב".

דער דאָזיקער לייט־מאָטיוו געפינט זיך שוין פריער ביי ראָזענפעלד און עדעלשטאַט. ביי זיי אָבער איז דער אַרבעטער ניט קיין האַלב־אָפּגעפרעסן שעפּסל, וואָס ווערט פּלוצלינג „פאַרוואַנדלט אין אַ לייב", נאָר אַ געפאַנגענער לייב, וואָס דאַרף בלויז צעברעכן זיין שטייג.

היינעס ווירקונג אויף באַוושאַווערן פילט זיך שוין אין זיינע ערשטע לידער. באַזונדערס בולט איז עס אין זיין ליד „צו די שטערן", אין וועלכער באַוושאַווער דערציילט זיי, אַז די וועלט איז „שלעכט, פאַרדאָרבן" און „איז געגליכן צו אַ פינצטערן יאַמערטאַל" (מעגלעך, אַן אָנדייט אויף עדעלשטאַטס ווערטער „די וועלט איז אַ פינצטערער יאַמערטאָל"). אָבער בעת עדעלשטאַטס „גאָלדענע שטערן" וויינען זיך פאַנאַנדער, ווען ער דערציילט זיי פון די „איר־דישע ווענן", ענטפערן באַוושאַווערס „זילבער־קלאָרע שטערן" מיט היינישן הומאָר, אַז זיי זעען ניט קיין שלעכטס אויף דער ערד, ווייל פון וויטן זעט זי אויס, ווי זיי — „אַ זילבער־קלאָרער שטערן" . . . זיי רופן אים אויך אָן מיט היינעס אויסדרוק „בלאָסער דיכטער", כאָטש באַוושאַווער איז דעמאָלט געווען אין זיין פולער קראַפט.

אין סעפּטעמבער, 1892, האָט באַוושאַווער אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אינעם

לאַנדאַנער אַנאַרכיסטישן „אַרבייטער־פריינד". אין זיין ערשט ליד דאָרט „צום ווינט" (סעפּטעמבער, 23) רעדט באָושאָווער פון די „הייסע ווערטער, פלאַמען ווערטער" פון זיין דיכטונג. אַזוינע ווערטער געפינען זיך אָבער ערשט אין זיין צווייט ליד דאָרט „צום שקלאַף" (אָקטאָבער, 7), אין וועלכער ער דער־ציילט, אַז ווען ער זעט די הערשער טרינקען דעם שקלאַפנס בלוט, צינדט זיך אָן אין זיין האַרצן „אַ גלוט; עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט אַ פייער . . . אַ ווילדער פייער פון צאָרן און האַס". דאָרט איז שוין אויך קענטיק די ווירקונג פון ווינטשעווסקי און עדעלשטאַטן [11] זעענדיק, אַז דער שקלאַף וויל זיך „גאָר בעסער ניט מאַכן", הייבט ער אָן, דער דיכטער „פאַר ווייטיק צו לאַכן".

אַ געוויסע צייט אַרבעט מיט באָושאָווער אין ביידע צייטונגען: אין דער ניו־יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג" און אינעם אַנאַר־כיסטישן „אַרבייטער־פריינד".

אין דער „אַרבעטער־צייטונג" פאַרעפנטלעכט באָושאָווער (סעפּטעמבער, 10) זיין ערשטע דערציילונג „קאַפּיטאַלס קרבנות", געשריבן אינעם סטיל פון עדעלשטאַטס סענטימענטאַלע דערציילונגען.

אַן אָרעמע איטאַליענישע האָרעפּאַשניצע (וואָרשיינלעך אַ פּרוכט־פּאַר־קויפערין, ווי אירע שכנות) אין מאַלבערי סטריט, ניו־יאָרק, האַלט ביים שטאַרבן. פאַרן טויט בעט זי איר יינגעלע, ער זאָל שפּילן אויף דער גיטאַרע און איר זינגען דאָס ליד פונעם יתום. ער שפּילט, עס פּלאַצט אַ סטרונע, גלייכצייטיק שטאַרבט די מוטער. ווען דער לענדלאָרד (הויזבאַזיצער) קומט זיי אַרויסוואַרפן פון דער דירה, געפינט ער מוטער און קינד טויט.

באָושאָווערס דערציילונג „קאַפּיטאַלס זכרונות" איז אָן צווייפל באַ־ווירקט פון עדעלשטאַטן. ס'איז אַ קאָמבינאַציע פון עדעלשטאַטס צוויי ווערק — פון דער ליד „מוטער און קינד" און פון דער דערציילונג „דער מאַלער". אויך דאָס ליד „דער יתום" (אינמיטן דער דערציילונג) איז, קענטיק, באַווירקט פון עדעלשטאַטס לידער וועגן דעם שיפל אין שטורעם („צורוף אַן די „פרייע אַרבעטער־שטימע", „צו אַ פריינט", „דער רויטער זעגל" א. אַנד.). ביי עדעל־שטאַטן איז עס אַ משל אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. ביי באָושאָווערן — אויפן לעבן פונעם יתום („צו דעם שיפל ביסטו גלייך, אָרעמער יתום אויף דער וועלט").

דער 20־יאָריקער באָושאָווער האָט אָבער מער רעאַליסטישע שטריכן, ווי דער 25־יאָריקער עדעלשטאַט. באָושאָווער שילדערט אויספירלעך דעם צי־מער פון דער איטאַליענערין, וואָס געפינט זיך אויפן טאַפּ־פלאָר (דאַך שטיבל):

„דער סילינג (סופיט) איז שוואַרץ, פון די ווענט איז דער קאַלך ער־טערווייז אַרונטערגעפאַלן און ערטערווייז פאַרשימלט. דער קליינער פענצ־טערל איז פאַרשטעקט מיט שמאַטעס און אָנגעפראָרן מיט אייז".

עדעלשטאַטס מאַלער מאָלט פאַרן טויט דאָס בילד פון אַ פאַרקריפּלטן בעטלער „דאָס שרעקנס־בילד פון 19טן יאָרהונדערט". פון די „געפאַלענע

אַפּער", וואָס „מענטשן־מערדער" „פּראָדוצירן" . . . באָוושאָווערס איטאַליע־נערין זעט פאַרן טויט דאָס בילד פון איר פאַרקריפּלטן מאַן, וואָס זיין אָרעם האָט אָראָפּגעשניטן „אין פאַבריק די מאַשין".

עדעלשטאַטס איינזאַמער מאַלער בעט זיין איטאַליענער שכנטע, אַ האַרפּע־זינגערין, אים צו זינגען אַ זיסן איטאַליענישן ליד, וואָס זאָל אים דערמאָנען אין זיין „אַלטער איטאַליע". באָוושאָווערס איטאַליענישע האַרעפּאַשניצע האָט ניט איינזינגען די פאַרגאַנגענהייט אין איטאַליע. פאַר אירע אויגן שוועבט דאָס בילד פון דער פינצטערער צוקונפט פון איר אָרעם קינד אין אַמעריקע.

באָוושאָווער, אַזוי ווי עדעלשטאַט, דערמאָנט ניט אין דער דערציילונג דעם שרעק פון די אָרעמע אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון דער דירה פאַר ניט־צאָלן קיין „רענט" (דירה־געלט). ערשט נאָכן טויט פון מוטער און קינד דער־ציילט באָוושאָווער, אַז דער לענדלאָרד, וועלכן ער שילדערט אויף ראָזענ־פעלדס שטייגער, אַלס אַ „גראָבער חזיר" מיט אַ „גראָבער שטימע", איז גע־קומען זיי אַרויסוואַרפן פון דער דירה. און זייער טויט רופט ביי אים אַרויס בלויז אַ מרומלען פאַר זיך: „מיין רענט" . . .

מיר זעען דאָ די ווירקונגען פון עדעלשטאַטס סענטימענטאַליזם און פון ראָזענפעלדס פּלעבייאישקייט (אַמכאַדיקייט) אויפן יונגן באָוושאָווער. גלייכ־צייטיק אָבער ווייזט שוין באָוושאָווער אַרויס אויך זיין אייגענעם וועג.

זיין ליד אינעם לאָנדאָנער „אַרבייטער־פריינד" פון 28סטן אָקטאָבער, „דער בלומען־אינדזל", באַווירקט פון עדעלשטאַטס „אינדזל פון פריהייט", פון „מענטשן־גליק" („דער רויטער זעגל"), האָט באָוושאָווער, מעגלעך, גע־שריבן אונטער דער ווירקונג פון די „פּאַרכטיקע טעג" פון 1892. דאָס דאָ־זיקע ליד האָט אַן אַנטי־רעליגיעזע טענדענץ. באָוושאָווער דערקלערט דאָרט, אַז אין זיין יוגנט האָט ער געטרוימט וועגן „אַן אינדזל אַ גרינעם, באַוואַקסן מיט בלומען" און האָט אומזיסט פאַרנומען צייט צו זוכן דעם אינדזל „צווישן די פּורפּורנע וואָלקנס אין הימל". איצט אָבער ווייס ער, אַז דער אינדזל געפינט זיך „דאָ אויף דער ערד" — מע דאַרף נאָר די דערנער, די דערנער אויסשניידן!" דאָס דאָזיקע ליד איז אָבער צופיל אַבסטראַקט. עס רעדט זיך וועגן סתם „שקלאַפן" און „הענקער", ניטאָ דאָרט דער מינד־סטער אָנדייט אויף דער רעאַלער ווירקלעכקייט פונעם אַמעריקאַנעם לעבן.

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער און אינגאַנצן רעאַליסטיש איז דאָרט זיין ליד „צום אָנדענקען פון ד. עדעלשטאַט" (4טן נאָוועמבער), „געשריבן אין דעם טאָג פון זיין טויט" (17טן אָקטאָבער). באָוושאָווער מאָלט דאָרט ביל־דער פון עדעלשטאַטס שווערן לעבן און פון זיין מוטיקן קאַמף. דאָס דאָ־זיקע ליד איז אויך געשריבן מיט טעמפּעראַמענט און ניט מיט דער קאַלטער אָביעקטיווקייט פון זיינע פילאָסאָפישע לידער.

4

באָוושאָווער נאָך עדעלשטאַטס טויט

נאָך עדעלשטאַטס טויט הערט באָוושאָווער אויף צו שרייבן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג". מעגלעך, אַז עדעלשטאַטס פריצייטיקער טויט ווירקט אויפן 20־יאָריקן דיכטער באָוושאָווערן, ער זאָל זיך מער איינגלידערן אינעם אַנאַרכיסטישן קרייז, צו וועלכן עדעלשטאַט האָט געהערט. ס'קאָן אָבער אויך זיין, אַז נאָכדעם, ווי ס'איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק באָוושאָווערס עדעלשטאַט־ליד, וואו ער כאַראַקטעריזירט די פּאָלעמיק קעגן עדעלשטאַטן אַלס דעם „בילן" פון דער „באַנדע ווילדע הינט" . . . האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער־צייטונג" אים אויפגעהערט צו דרוקן. אַלנפאַלס איז דאָרטן געווען געדרוקט בלויז נאָך איין ליד, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דרוק איידער דער „אַרבעטער־פריינד" פונעם 4טן נאָוועמבער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אין זיין לעצט ליד אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבעטער־צייטונג", „אַן די אַרבעטער" (18טן נאָוועמבער), ווייזט אָן באָוושאָווער די אַרבעטער מיט אַ משל, אַז זיי זיינען אַליין שולדיק אין זייער אומגליק. ווען די ערד איז פינצטער, דערקלערט זיי באָוושאָווער, איז עס ניט קיין צייכן, אַז „די זון פאַרגייט", נאָר אַז „די ערד האָט פון איר [דער זונס] שיינען זיך אַוועקגעדרייט . . ." פונקט אַזוי פאַרגייט אויך ניט קיינמאָל „דער גליק". ס'ליגט ניט „אויף אים קיין פלוך", נאָר ער שיינט זיי ניט פּשוט דערפאַר, ווייל זיי אַליין האַלטן „אים פאַרהאַנגען מיט אַ שוואַרצן טוך . . ."

לידער מיט דעם זעלביקן נאָמען („צו די אַרבעטער") האָבן שוין פריער אַ סך מאָל געהאַט געזונגען ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד און עדעלשטאַט. באָוושאָווערס ליד אונטערשיידט זיך פון יענע דורך איר דידאַקטישער „אָביעקטיווקייט" און „פילאָסאָפישער" רואיקייט.

אינעם „אַרבייטער־פריינד" פאַרעפנטלעכט באָוושאָווער אינעם יאָר 1892 נאָך צוויי לידער: „פון מיין אַלבאָם" (נאָוועמבער 25) און „דער אָפּשייד" (דעצעמבער 9) און די דערציילונג „די יתומה".

„פון „מיין אַלבאָם" איז דאַטירט ניו־יאָרק, נאָוועמבער 7. דער נאָמען דערמאָנט אָן עדעלשטאַטס „פון מיין טאָג־בוך". ס'אַנטהאַלט דריי קורצע לידער. די ערשטע צוויי דריקן אויס קעגנזעצלעכע שטימונגען. אין ליד נומ' 1 דערציילט באָוושאָווער, אַז כאָטש אויף זיין האַרץ „ליגט אַ וואָלקן גרויס און שווער", דאָך רינט ניט „קיין איינציק, איינציק טרער" [12].

אין דעם נומ' 2 דערקלערט באָוושאָווער, אַז „יעטווידער אות" פון זיין ליד „איז אַ טרער". און פונקט ווי פריער ראָזענפעלד („געמישטע לידער", 1890), און נאָכדעם עדעלשטאַט („זינג מיט לוסט", 1891), אַזוי ענטפערט ער יענע אַרבעטער, וואָס זיינען אומצופרידן מיט טרערן־לידער, אַז זיין טרערן־ליד איז געשעפּט פון זייער אייגענעם קוואַל. דערביי באַנוצט באָוושאָווער

דעם זעלביקן גראַם („טרער" מיט „שווער"), וואָס אין ליד נומ׳ 1, אויף צו כאַראַקטעריזירן זיין דיכטונג.

ליד נומ׳ 3 איז געשריבן אַפאָריסטיש: פּערל זוכט מען ניט „אויף באַרג", נאָר אויפן „גרונט פון טיפן וואַסער", אַזוי אויך „הערצער ערלעך גוט און בראַוו" דאַרף מען ניט זוכן ביי די „גרויסע הערן", נאָר ביים „פּראָסטן שקלאַף".

ש. יאַנאָווסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער־פריינד" דערציילט, אַז באָוושאָווער פלעגט „צושיקן אַ גאַנצן פּאַק" לידער מיטאַמאָל. ס׳איז דעריבער מעגלעך, אַז דאָס ליד „דער אַפּשייד", געדרוקט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, איז געשריבן געוואָרן מיט חדשים פריער, ווען באָוושאָווער האָט נאָך געאַרבעט אין שאַפּ, און אַז דאָס איז דאָס ליד, וואָס איז ניט געפעלן געוואָרן די אַרבעטער, פאַר וועלכע באָוושאָווער האָט עס פאַר־געלייענט. האָבנדיק אין זינען אַזאַ ליד, ווי „דער אַפּשייד", האָט באָוושאָווער עס געמעגט כאַראַקטעריזירן אַלס „די ליד וואָס יעטווידער אות איז אַ טרער".

באָוושאָווערס נײַנציק־שורותדיק טרערן־ליד „דער אַפּשייד" איז אַדרע־סירט צו אַן אַרבעטער־מיידל, וואָס ווערט אַ כלה און נעמט אַפּשייד פונעם „פּינצטערן שאַפּ". דאָס ליד איז עטוואָס צעצויגן. באָוושאָווער רעדט מער וועגן דעם שאַפּ, ווי ער מאָלט אים. ער רופט אָן דעם שאַפּ: „פּינצטערער גרוב פון דער ערד!" — „קערקער [טורמע] אין פרייהייט־געשטאַלט!" — „רויבער פון קרעפטן, פון בלוט!" — „טייפל, וואָס וואַנדלט פון יונג אום אויף אַלט", „פאַרפּעסטעטע גיפטיקע לופט" א. ד. גל. ער גיט אָבער ניט קיין איין בילד פון דעם שאַפּ גופא, ווי ראָזענפעלד פלעגט געבן. קרעפטי־קער שילדערט באָוושאָווער דאָס לעבן אין דער אַרבעטער־היים. ווען די כלה נעמט אָן „מיט שמחה די הענט פון טיר", דערקלערט איר באָוושאָווער:

„אומזיסט איז דיין שמחה, אומזיסט איז דיין פרייד!
וועסט איצטער נאָך ווערן אַ שקלאַף ביי אַ שקלאַף,
וועסט האָבן נאָך גרעסערע צרות און לייד!
אַן אַרבעטסמאַן נעמסטו, אַ פּינצטערן קנעכט,
אָ, מיידל! וועסט ווערן פאַרפּינצטערט, פאַרשוואַרצט".

און באָוושאָווער מאָלט אויס איר שפּעטערדיקן לעבן: זי וועט „וואוינען אין פּינצטערע קליינינקע רומס" (צימערן), „אין אַ שמוציקן הויז, אויף אַ בוידעם"; זי וועט זען ביי זיך גאַנץ אָפט דעם לענדלאָרד, וואָס היט, זי זאָל צאָלן די רענט אין צייט און אויב זי וועט „ניט קאָנען אים צאָלן צום סראָק (טערמין) זאָ וואַרפט ער אין סטריט" (גאַס) אירע זאַכן אַרויס.

באָוושאָווער דערמאָנט אויך דעם מיידל, אַז זי וועט „קינדערלעך האָבן", וועלכע זי וועט ליבן שטאַרק און „עפטערס ניט האָבן קיין עסן פאַר זיי". זי וועט „שטענדיק נאָר ציטערן פאַרן ביטערן „סלעק", די פּינצטערע צייט, ווען קיין אַרבעט איז ניטאָ"; זי וועט שילטן איר לעבן, איר מאַן. „שילטן דעם

חתונה־טאָג און די שעה". און דער 20־יאָריקער באָוושאָווער פאַרענדיקט זיין „באַזעצן די כלה" מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„דו גייסט צו דער חופה מיט שמחה, מיט פרייד,
דו מיינסט, דיך ערוואַרטעט דער מזל, דער גליק,
אָ, מיידל, דו ביסט נעבעך ביטער גענאַרט!
דער מאַרש צו דער חופה איז אַ טויטן־מוזיק,
תכריכים נאָר זיינען דער שלייער, דער טול;
די חופה — דיין גרוב, דער מת — דו אַליין,
דער גאָלדענער רינג איז אַן אייזערנע קייט
און אויך אַ מצבה, אַן אָנדענקונג־שטיין!..."

„יעטווידער אות איז אַ טרער" אויך אין דער דערציילונג „די יתומה". זי איז מער סענטימענטאַל, ווי עדעלשטאַטס דערציילונגען, און מער וויינענדיק אפילו, ווי דינעזאָנס ראָמאַנען. זי האָט ווייניקער רעאַליסטישע צייכענונגען אפילו פון „קאַפּיטאַלס קרבנות".

די דערציילונג הייבט זיך אָן אין „אַ קורצן ווינטער־טאָג". מיט דריי טעג פריער האָבן רויבער אין אַמעריקע אָדער אין אייראָפּע דערשאָסן אַ פאַבריק־וועכטער פאַר זיין צופיל טרייהייט צו דעם באַלעבאָס פאַרמעגן. מיט אַ טאָג צוריק האָט מען אים „אַרונטערגעלאָזן אין דער קאַלטער גרוב און מיט אים צוזאַמען האָט מען „פאַרשאָטן און באַגראָבן" די „פרייד", די „לוסט", דאָס „גליק און האָפענונג" פון זיין איינאונאיינציקער טאָכטער. „ער איז איר אַלץ געווען, אי אַ פאָטער, אי אַ מוטער, אי אַ ברודער, אי אַ פריינט. איר מוטער איז געשטאָרבן, ווען זי איז אַלט געווען אַ האַלב יאָר, פון דאַן אָן האָט זי דער פאָטער אויפגעהאָדעוועט אויף זיינע אָרעמס, אַלס איינציק קינד און אַלס פאָרבילד פון זיין געטרייער פאַרשטאָרבענער פרוי". איצט איז זי „געבליבן אַ טאָפּלטע יתומה, אָרעם, עלנט, יונג, אָן באַקאַנטע און אָן באַשיצער". דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט, זינט מע האָט אים באַגראָבן, איז זי אַרומגעגאַנגען „ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפּעלע". זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרענדערט.

„אירע שיינע פורפור־ראָזע באַקן זיינען איינגעפאַלן און זיינען געל ווי וואַקס; אירע רויטע ליפּן זיינען בלאַס געוואָרן; די שיינע גלענצנדע אויגן אירע זיינען געוואָרן מיד און רויט פון פיל וויינען — — — אירע שיינע גאָלדענע לאָקן זיינען אַזוי ווי טונקעלע געוואָרן און אָן אָרדענונג זיינען זיי געווען צעוואָרפן איבער אירע אַקסלען"

זי זיצט אויף אַ בענקל ביי אַ פענצטער אין איינעם פון די צוויי צימערן פונעם „קליינעם הייזל", אין וועלכן זי האָט געוואוינט מיט איר פאָטער. „זי זיצט שטיל פאַרטראַכט, ניט וויסנדיק, וואָס זי טראַכט". דורכן פענצטער זעט זיך פון וויטן דאָס „אָרט, וואו די מצבות שטייען", און אַהין זיינען גע־

ווענדט אירע בליקן. „אין צימער איז אלץ אנגעווארפן אן ארדענונג“. ס'איז דארט קאלט און טונקל. פלוצלינג קומט אריין אין דעם „טרויעריקן צימער“ דער פאבריקאנט. ער דערקלערט דער יתומה, אז ער דארף האבן איר וואוינונג פאר דעם נייעם פאבריק-וועכטער. זיינע ווערטער טרעפן זי, ווי א „דונער-שלאק“, איר קערפער ציטערט, „ווי אין א פיבער“. פון אירע אויגן „האט זיך א גאס געטאן א קוואל טרערן“. זי ווארפט זיך דעם פאבריקאנט צו די פיס און האלט א לאנגע רעדע, וואס הייבט זיך אן אזוי:

„האט מיטלייד מיט מיר! האט מיטלייד מיט אן עלנטע, אומגליקלעכע יתומה און פארטרייבט מיך ניט פון דאנען. זאלן מיינע ווארעמע טרערן ווייך מאכן אייער הארץ, אזוי ווי דער טוי מאכט ווייך די בלום; זאלן זיי אין אייער הארץ אויפוועקן די געפילן פון מיטלייד, וועלכע זיינען געוויס דא ביי יעדן מענטשן" . . .

אין איר לעצטער רעדע דערמאנט זי דעם פאבריקאנט, אז איידער איר פאטער „האט זיין ריינע זעלע אויסגעהויכט“, האט ער אים געבעטן צו „זיין דער באשיצער פון זיין קינד, וועלכע בלייבט א יתומה“ איבער אים.

דער פאבריקאנט פארלאזט זי מיט דער דערקלערונג, אז ער דארף „מארגן האבן די שטוב א ליידיקע“, נאר אזוי ווי ער האט א „מענטשלעכעס הארץ“, וועט ער איר געבן פלאץ אין א שפייכלער אוועקצולייגן אירע זאכן און אריינגעמען זי צו זיך פאר א דינסט.

די יתומה בלייבט אליין אין פינצטערן קאלטן צימער. „ווילדע, משוגענע רעיונות האבן זיך געגומען טומלען אין איר קאפ“. זי לויפט אוועק אויפן פעלד, „וואו די מצבות זיינען געשטאנען“. זי פאלט אויף איר פאטערס קבר, „און נאס איז געווארן די פארפרוירענע ערד פון אירע הייסע טרערן“.

אויף מארגן געפינט מען זי דארט „פארפרוירן ווי א שטיק אייז“.

אין די יארן 1892-1893 ארבעט באוושאווער א סך איבער זיינע לידער. די שפראך פון זיין פאעזיע און פראזע ווערט כסדר בעסער. די עטלעכע יאר אין ריגע האבן אים געהאט היפש פארדייטשט. וואס לענגער אבער ער איז אין ניו-יארק, אלץ מער באפרייט ער זיך פון דייטשמעריש און הייבט אן שרייבן אויף א ריינעם יידיש. ער לערנט אויך פלייסיק ביי די דעמאלט אנערקענטע יידישע דיכטער, באזונדערס ביי ראזענפעלדן, וואס זיין שפראך פילט זיך שטארק אין באוושאווערס ערשטער ליד פון 1893 — „דער שלאף“ (יאנואר 20). מע קאן דארט לייכט דערקענען די שפראך און די אינטימקייט מיטן יידישן ארבעטער-עולם פונעם פאפולערן דעקלאמאטאר (מאריס ראזענפעלד) און אזוינע אויסדרוקן: „שאט!“ „מ'דארף ניט מער דיר פארטייטשן...“ — „גוטע נאכט אייך . . .“ א. ד. גל. די ווירקונג פון ראזענפעלדס שפראך פילט זיך אויך אין באוושאווערס אלעגארישן ליד „דער פראסט“ (יאנואר 27). ס'זיינען פאראן דארט ווירקונגען אויך פון ווינטשעווסקיס „געשפענסט“ (1886), ראזענפעלדס „אויף פערלאזשעס בית עולם“ (1888) און פון עדעלשטאטס

„פאַרבלוטיקטע גייסטער“ (1890) [13]. אָבער שוין אין זיין ליד „ביים מאָנומענט“ (פעברואַר 4), מיט אַ וואָך שפּעטער, פילט זיך דער נייער טאָן און די אָריגינעלע פאָרם, וועלכע יוסף באָווּשאָווער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע.

5

באָווּשאָווערס פּראָדוקטיוו יאָר 1893

אין 1893 דרוקט זיך באָווּשאָווער גאָר אָפּט. דעם 10טן פעברואַר דערשיינט זיין ליד „פרידן“, וואָס דערמאָנט אָן פּרצס באַוואוסטן פעליעטאָן „שלום“. מעגלעך, אַז באָווּשאָווער האָט עס געשריבן סוף יאָר 1892, ווען די אַמעריקאַנער בירגערלעכע פּרעסע באַצירט זיך לכבוד „קריסטמעס“ (יעזוסעס „געבורטסטאָג“), מיט דעם לאָזונג „פרידן אויף דער ערד און גוטער ווילן צום מענטשן“. גלייכצייטיק דערשיינט באָווּשאָווערס אַ קורץ פּעסימיסטיש לידל „אונדזער וועלט“ אויפן שטייגער פון עדעלשטאַטס קלאָג־לידער איבער דער פאַרפראָרענקייט פון מענטשלעכע הערצער. אין די חדשים מערץ און אַפּריל גיט דער „אַרבייטער־פריינד“ יעדע וואָך באָווּשאָווערס אַ ליד. דעם 3טן מערץ דערשיינט זיין ליד „ביים שרייבן“ — וועגן זיין מייסטערן דאָס יידישע ליד און וועגן זיין צווייפל אין דעם לידס ווירקונג. דעם 10טן מערץ — זיין ליד „די ווינטער־זון“, צו וועלכן באָווּשאָווער גיט צו אַ פּאָליטישן מוסר־השכל קעגן די רעפאָרמיסטן (געמיינט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן), וואַרשיינלעך, צוליב דעם, אַז זיין אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר זאָל עס ניט אויסבראַקירן אַלס אַ סתם נאַטור־ליד. אַלנפאַלס איז דאָרט דער אויספיר אָרגאַניש ניט צוזאַמענגעוואָקסן מיט דעם גאַנצן ליד, ווי דאָס איז צו זען אין זיינע „מערץ־געדאַנקען“ (מערץ 17).

אין דעם לעצטן ליד זיינען שוין באָווּשאָווערס נאַטור־סצענעס ענג צוזאַמענגעפלאָכטן מיט זיינע געזעלשאַפטלעכע שטימונגען. זיין אויסרוף דאָרט, אין דער לעצטער שורה: „רעוואָלוציאָן! דו מאַכסט מיך פריי!“ איז דער לאָגישער אויספיר פון דעם גאַנצן ליד. אַ פאַרגלייך פון באָווּשאָווערס „מערץ־געדאַנקען“ פון 1893 מיט עדעלשטאַטס „מערץ־לידער“ פון 1889 באַווייזט דעם גרויסן פאָרשריט, אין הינזיכט פון שפּראַך און פּאָעטישן שוואונג, צו וועלכן די רעוואָלוציאָנערע דיכטונג אין יידיש האָט פאַר די דאָזיקע פיר יאָר דערגרייכט. עדעלשטאַטס ליד האָט אָבער אַ גרויסע מעלה. זי איז קאָנקרעטער פון באָווּשעווערס. עדעלשטאַט רעדט דירעקט וועגן דער פּאַריזער קאָמונע און זאָגט פאָראויס אַ בלוטיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע, אַ נייעם „גוואַלטיקן מערץ“, וואו ס'וועלן זיין „פילע קרבנות פאַר פרייהייט און רעכט און זאָ ווי די הערשער האָט יעצט קיין רחמנות, וועט אויך אים ניט וויסן דער קנעכט!“ באָווּשאָווער אָבער רעדט סתם וועגן פרייהייט און רעוואָלוציע, און

ס'איז אינגאַנצן ניט קלאָר, צי ער מיינט עס די פּאַריזער קאָמונע אָדער די רעוואָלוציעס פון 1848.

אַנדערע לידער באָוושאָווערס פון מערץ 1893 זיינען „די זיפצנדע שטימע" (דאָס שווייגן פון אונטערדריקטן אַרבעטער־מאַן), וואָס איז דערשינען גלייכ־צייטיק מיט די „מערץ־געדאַנקען"; „די אַרמוט פריער און איצט" (מערץ 24) — אַ סאָציאַלע ליד (פריי איבערגעזעצט פון דייטש), און „צום קעמפער" (מערץ 31).

דאָס לעצטע ליד ווערט אָפּטמאָל אויסגעטייטשט אַלס אָנדייט אויפן אי־נעווייניקסטן געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אין באָוושאָווערן (מיט פינף, זעקס יאָר פריער) איידער ער ווערט האָפענונגסלאָז, גייסטיק קראַנק. גיכער פון אַלץ, אָבער, דאַרף מען רעכענען, האָט באָוושאָווער געשריבן דאָס דאָזיקע ליד זיינס, האָבנדיק אין אויג די אַגיטאַציע פאַרן אינדיווידועלן טעראָר אין די אַנאַרכיסטישע רייען. באָוושאָווער האָט, קענטיק, זיך ניט אַזוי באַגייס־טערט (ווי עדעלשטאַט) פאַר דעם אויבנדערמאָנטן אַנאַרכיסטישן אַטענטאַט אויף דעם שטאָל־פאַבריקאַנט, אין יולי, 1892. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז באָוושאָווערס ליד האָט אַ שייכות צום קריזיס פון 1893, ווען די אַנאַר־כיסטן האָבן אַגיטירט פאַר „רעוואָלוציאָנערע טאָטן"[14]. באָוושאָווערס ליד „צום קעמפער" איז אַ וואָרענונג קעגן אַזעלכע טאַטן. באָוושאָווער ווענדט זיך מיט אַן עצה צום „אידעאַלן קעמפער" ניט צו לאָזן „זיך פאַרפירן" פונעם „פינצטערן שאָטן", וואָס „פאַרשטעלט אים" (דעם קעמפער) „דעם אויסגאַנג און לאָזט אים „ניט זען קיין ברעג..." נאָר ער זאָל זיין „שטאַרק, ווען דער ווינט גיט אַ בלאָז!..."

„דיין פילנדע הערץ זאָלסטו, ברודער, פאַרבינדן
גאַנץ פעסט מיט דער קומענדער צייט —
פאַרקניפּלען מיט צוקונפט פאַרגאָלדעטע פעדים,
וואָס ציען צו דיר זיך פון וויט...

דיין אויג אָבער, פריינט, זאָלסטו י ע צ ט האַלטן אָפן
פאַרהיטן געפאַר אויפן שטעג,
דיין ריינער פאַרשטאַנד זאָל דיר דינען אַלס פאַקל —
די אויג זעט נור דאָן, ווען ס'איז העל..."

אין אַפּריל 1893 פאַרעפנטלעכט דער „אַרבייטער־פריינד" פאָלגנדיקע לידער פון באָוושאָווערן: „נעכטן און היינט" (אַפּריל 7) — אַן עכט הייניש ליד. מעגלעך, אַז דאָס איז אַן ענטפער צו די, וואָס האָבן אים געראָטן צו שרייבן פונקט אַזוי ווי עדעלשטאַט, און ער באַווייזט זיי אויף זיין שטייגער מיט אַ משל, אַז דאָס, וואָס האָט געפּאַסט נעכטן טויג ניט מער היינט; „אַ מאַנאָלאָג פון דער דומהייט" (אַפּריל 14) — אַ גאַר רייפע ליד פאַר אַ צוואַנ־ציק־יאָריקן דיכטער; „די נייע תורה" (אַפּריל 21) — קעגן די סאָציאַל־דע־

מאָקראַטן און די „גראָבע האַנט“ (אַפּריל 28) — אויך מיט אַ סאָציאַלן מאָטיוו, איבערזעצט פון דייטש.

6

באָוושאָווערס לידער קעגן די סאָציאַליסטן

זיין צען־סטראָפיק ליד „די נייע תורה“ האָט באָוושאָווער, קענטיק, געשריבן צו דער געלעגנהייט פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וואַל־קאַמף אין פרילינג, 1893. די אַנאַרכיסטישע פרעסע האָט אַלעמאָל אויסגעלאַכט און פאַראורטיילט דעם פּאָליטישן קאַמף. אין 1893 האָט זי עס געטאָן נאָך מיט מער גאַל ווי אַמאָל. אין יענער צייט איז געווען שטאַרק טעטיק דער נייער פירער פון דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי“, דעניעל דעליאָן. זיינע גלענצנדיקע לעקציעס (אין ענגליש) איבער דעם מאַרקסיזם האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן פוראָר צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ און די פאָרגעשריטענע אַרבעטער. באָוושאָווער פרואווט זיך „מיט איין שאָס טויטן צוויי האָזן“: אויסלאַכן אי דעם פּאָליטישן קאַמף, אי דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אַזוי ווי ער איז אָבער נאָך גאָר רוי אין סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגעס, איז אים זיין ליד ניט געווען געלונגען אפילו פון אַן אַנאַרכיסטישן שטאַנדפונקט. מעגלעך, אַז דערפאַר טאַקע האָבן די אַנאַרכיסטישע אַרויסגעבער ניט אַריינגענומען דאָס דאָזיקע ליד אין באָוושאָווערס „געזאַמלטע שריפטן“ (ניו־יאָרק, 1911).

אין זיין ליד „די נייע תורה“ טרעט באָוושאָווער אַרויס קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון אַ פונקט פאַרקערטער הנחה, ווי עדעלשטאַט. דער לעצטער האָט אַלעמאָל פאַרגעשטעלט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַר „פילאָסאָפישע רעוואָלוציאָנערן“, וואָס גיבן זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט טעאָריעס. אין באָוושאָווערס צייט איז די לאַגע געוואָרן אַנדערש. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען אַלץ מער און מער ענערגיש מיט אָרגאַניזירן די אַרבעטער־מאַסן צום עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. פאַרקערט, די אַנאַרכיסטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ „קולטור־טרעגער“ אָרגאַניזאַציע“ — זייער באַוועגונג איז כסדר געוואָרן שוואַכער. „זייער ראָלע אין דער יוניאָן־באַוועגונג איז געוואָרן קליין. — — — זייער הויפּט־טעטיקייט [איז] געווען אויפקלערונג־אַרבעט“ [15].

די „שטודיר־מגפה“ פון יענער צייט, וואָס האָט אַוועקגעריסן פּייאיקע יונגע לייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען באַזונדערס אַנטוויקלט צווישן די, וואָס זיינען באַווירקט געוואָרן פונעם אַנאַרכיסטישן קרייז. באָוושאָווער זוכט דעריבער צו מאַכן לעכערלעך און צו דיסקרעדיטירן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מאַסן־אַגיטאַטאָר דורך דעם, וואָס ער שילדערט אים פאַר אַ קעגנער פון די „פּראָפעסאָרן מיט זייער לער־סיסטעם די שווערע“ און פאַר אַ קעגנער פון דעם, אַז אַרבעטער זאָלן שטודירן. באָוושאָווער גיט אַריין דעם

סאָציאַל־דעמאָקראַט אינעם מויל אַזוינע ווערטער: „דער אַרבעט־מאַן איז שטאַרק באַשעפטיקט, ער האָט קיין צייט ניט, אום צו לערנען יאָרן. די שקלאַפעריי האָט אים אַנטקרעפטיקט. זיין גייסט, זיין קערפּער זיינען שוואַך געוואָרן". ער (באָווּשאָווערס קאַריקאַטוריסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַט) וויל דעריבער פאַרבייטן די פּראָפעסאָרישע „וויסן־ביכער, גראָבע, דיקע", וואָס איז שווער אויסצולערנען, אויף זיין „וויסנשאַפט", וואָס דויערט בלויז „אַ פּאָר מינוטן" און באַשטייט פון דעם שפּרוך: „דאָס וועט זיין צום גוטן" [16]. באָוו־שאָווער לאָזט זיין סאָציאַל־דעמאָקראַט זאָגן:

„איך האָב מיין וויסנשאַפט אין קעסטל:
אַ ביס־באָס־לאַקרעץ־פּלעצל־סאָציאַליזמוס
איך שוואַץ [פּלוידער] נאָך צו אַ פּולע מעסטל
און זאָג: ,מען רופט עס מאַטעריאַליזמוס' . . . "

באָווּשאָווערס ליד „די נייע תורה" באַשטייט פון לצנות און קיבעצעריי. בעת אָבער אַנדערע אַנאַרכיסטן האָבן זיך באַנוגנט בלויז מיט חוזק מאַכן פון־נעם פּאָליטישן קאַמף, האָט באָווּשאָווער, אַלס אידעאַליסט־אינדיווידואַליסט, אויך אונטערגעשטראָכן זיין קעגנערשאַפט צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

* * *

דעם 17טן מערץ, 1893, דערשיינט ווידער די אַנאַרכיסטישע „פרייע אַר־בעטער שטימע" אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אַ קנאַפּן יאָר ניט געהאַט דער־שינען. ווארשיינלעך, האָט דאָרט באָווּשאָווער מיטגעאַרבעט, די דאָזיקע צייַ־טונג געפינט זיך אָבער ניט אין קיין עפנטלעכער ביבליאָטעק און ס'איז דע־ריבער שווער צו באַשטימען, וועלכע זאַכן ער האָט דאָרט געשריבן. זיכער איז בלויז, אַז ער האָט דאָרט מיטגעאַרבעט און איז אַזוי אַרום געוואָרן מער אַריינגעצויגן אינעם אַנאַרכיסטישן קרייז, וואָס האָט אים באַווירקט צו שרייבן זיין ליד „אויפרוף". דאָס איז אַ בייזער אָנפאַל אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דאָס איז געווען אין דער צייט פונעם שווערן קריזיס־יאָר (1893) אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. באַנקן האָבן געקראַכט, און גרויסע מאַסן האַרעפּאַשניקעס האָבן דאָרט פאַרלאָרן זייערע שווער־אָפּגעשפּאָרטע סומעס. אַ סך וואַרשטאַטן און פאַבריקן זיינען געוואָרן געשלאָסן, און דאָס לאַנד איז פול געוואָרן מיט מיליאָנען אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן געליטן הונגער און נויט. באַזונדער גרויס איז געווען די אַרבעטלאָזיקייט אין דער באַדל־אינדוסטריע, ביי וועלכע ס'זיינען געווען באַשעפטיקט דאָס רוב יידישע אַרבעטער. די יידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן האָבן צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון די יידישע טרייד־יוניאָנען געעפנט אַ ספּעציעלן „רעליף־סטעישאַן" (אונטערשטיצונג־פּלאַץ) פאַר די אַרבעט־לאָזע. זיי האָבן זיך דערביי געווענדעט נאָך הילף אויך צו געשעפטסלייט.

באָווּשאָווערס ליד „אויפרוף" על פּי נוסח „אַרבעטער־צייטונג" [17] איז געשריבן מיט דעם זעלביקן חוזק־טאָן, ווי זיין ליד „די נייע תורה". באָוו־שאָווער פּרוּווט זיך אויסטייטשן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ווענדונג נאָך

הילף צו געשעפטסלייט אַלס הילף פאַר די דאָזיקע געשעפטסלייט מצד די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו קויפן זיך „שטימען“ (ביי די וואַלן) צווישן די אַרבעטער־מאַסן. באָווּשאָווער שטעלט פאָר אַזוי, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער־צייטונג“, ווענדט זיך מיט איר אויפרוף נאָך הילף צו „גוטע, פרומע, שטילע הייכלער“ (צבועקעס), צו „ביזנעס־מאַכער, טעלער־לעקער, פאָלקס־פאַרזאָרגער, וועלט־דערוועקער, „סמאַרטע [פיינע] לייט פון אַלע קלאַסן“, זיי זאָלן האָבן „רחמנות אויף די מאַסן, וועלכע שטאַרבן אין די גאַסן, דורך דעם הונגער־טויט דעם בלאַסן“. באָווּשאָווער טייטשט אויס אָט די ווענדונג, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג בעט די „ביזנעס־מאַכער“, זיי זאָלן זיך רעקלאַמירן און זאָגט זיי דערפאַר צו, אַז זיי וועלן געווינען „חן“ ביי די מאַסן און דורך דעם זיך קויפן „שטימען“.

מעגלעך, אַז אויך באָווּשאָווערס ליד „און אימער נאָך“ איז באַווירקט געוואָרן פון יענעם צוזאַמענשטויס צווישן די אַנאַרכיסטן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן [18]. באָווּשאָווער מוסרט דאָרט די „שקלאַפן פאַרוואָגלטע“, פאַר וואָס זיי פאַרבייטן „פרייהייט און וואוילשטאַנד“ אויף „פרייזופּ“ און „אונדזערע [די אַנאַרכיסטישע] בעסערע לערן פאַרשרייט איר“. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן דער פאַל, אַז אינעם צוזאַמענהאַנג מיט דער געשעעניש פון דער ווענדונג נאָך פילאַנטראָפּישער הילף פאַר די אַרבעטלאָזע, האָט באָווּשאָווער אויך דעמאָלט געשריבן זיין סאַטירע „נאָך הייבריך היינע“, וואו ער נעמט „די ביקס אין אָרעם“ און „באַדאַנקט“ די פילאַנטראָפּן דורכן מאַכן „זיי אין די הערצער וואַרעם . . . “

* * *

אַן ענלעכער (ווי אין זיין ליד „אויפרוף“) לצנותדיקער טאָן בנוגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געפינט זיך אויך אין באָווּשאָווערס אַן אַנדער ליד, געשריבן זומער, 1893. נעמלעך אין זיין ליד פון „ציריך“, אין וועלכער ער לאַכט אויס דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ציריך, אין אויגוסט, 1893. אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס איז, ווי באַוואוסט, אויפגעטראָטן פרידריך ענגעלס, וועלכער האָט זיך אויך באַטייליקט אינעם באַנקעט פאַר די דעלעגאַטן. די אַנאַרכיסטן זיינען געווען פאַרביטערט אויף די סאָציאַליסטן פאַר ניט צו לאָזן צום ציריכער קאָנגרעס זייערע דעלעגאַטן. ווי מיט צוויי יאָר פריער אין בריוסעל איז דער אַנאַרכיסט מערלינאָ, מיט־רעדאַקטאָר פונעם אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטישן זשורנאַל „סאָלידאַריטי“, געקומען מיט דער פאָדערונג צוצולאָזן די אַנאַרכיסטישע דעלעגאַטן און ווידער האָט עס דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס צוריקגעוויזן.

צו שרייבן אַ ליד קעגן דעם ציריכער קאָנגרעס האָט באָווּשאָווערן, מעגלעך, געשטויסן זיין אַנאַרכיסטישער קרייז. באָווּשאָווער מאַכט ניט קיין אָנדייטונג אויף דער אויסשליסונג פון די אַנאַרכיסטן. ער זוכט צו פאַרמיאוסן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין די אויגן פון די מאַסן

דורך דער באָבע־מעשה, אַז די קאָנגרעס־דעלעגאַטן האָבן זיך געלאָזט וואויל־גיין (אויף זייער באַנקעט). ער שטעלט עס אַרויס אַלס קעגנזאַץ צו דער שווערער לאַגע פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער בעת דעמאָלטיקן קריזיס. דערביי שטרייכט ער אונטער, אַז די אַרבעטער האָבן גאָרנישט ניט וואָס צו דערוואַרטן פון אַזוינע קאָנגרעסן . . .

כדי צו מאַכן שטאַרקער די ווירקונג פון זיין סאַטירע, גיט באָוושאָווער אַריין זיינע ווערטער אינעם מויל פון אַ דעלעגאַט (פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס) אין ציריך. דער דעלעגאַט טיילט מיט די אַר־בעטער אין אַמעריקע, אַז ער פירט אין ציריך אַ גראַפן־לעבן און בעת זיי הונגערן „מיט קינדער און מיט פרויען", פאַרדייעט ער דאָרט גרינג „דעם בעסטן וויין, דאָס פעטסטע פלייש"; ער באַדויערט נאָר, וואָס ער וועט שוין לאַנג ניט קאָנען „זען די שנייבערג־שטראַלן"; ער מוז פאָרן צוריק אַהיים, ווייל ס'רופן אים „די וואַלן". פאַר די אַרבעטער האָט מען אין ציריך גאָרניט אויפגעטאָן, דערקלערט דער דעלעגאַט: „מע האָט פאַרשוואַצט [פאַרפלוי־דערט] דעם גאָט מאַמאָן, פאַרטרונקען שטאָט[מלוכה] און קירך, און טראָן".

7

נאָך לידער און סאַטירעס פון 1893

אין האַרבסט 1893 הייבט אָן באָוושאָווער ווידער זיך דרוקן אינעם לאָנ־דאָנער „אַרבייטער־פריינד". ער פאַרעפנטלעכט דאָרט צוויי לידער „די קוגל־גיסער" (סעפטעמבער 29) און „טריבע טענער" (אָקטאָבער 13) און צוויי סקי־צעס: „פון בריק אין וואַסער" (אָקטאָבער 13) און די „שטראָף פון דער נאַ־טור" (אָקטאָבער 27).

„די קוגל־גיסער" איז די איינציקע ליד באָוושאָווערס, וואו ער זינגט דירעקט וועגן אַ היסטאָרישער רעוואָלוציאָנערער געשעעניש, אַזוי ווי עדעל־שטאַט, ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד האָבן עס אָפט געטאָן.

באָוושאָווער האָט זיין ליד „די קוגל־גיסער" געשריבן צו דער געלעגנ־הייט פונעם 45סטן געדענק־טאָג פון דער רעוואָלוציע (פונעם 48סטן יאָר) אין דייטשלאַנד. די פּראָגרעסיווע דייטשישע אַמעריקאַנער פּרעסע האָט וועגן אָט דעם געדענק־טאָג פיל געשריבן. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז באָוו־שאָווער האָט טאַקע פון דאָרטן גענומען זיין סיוזשעט, ווי אַזוי דייטשישע קינדער פון 1848 „גיסן קוגל אין אַ פורם" פאַר די רעוואָלוציאָנערע טאַטעס און ברידער, וואָס קעמפן אויף די באַריקאַדן . . .

אין זיין ליד „טריבע טענער" שילדערט באָוושאָווער, ווי די סטרונעס פון זיין האַרפע הייבן אָן ציטערן, ווען ער וויל באַזינגען די מענטשהייט, וועלכע איז עס ניט ווערט . . .

באָוושאָווערס סקיצע „פון בריק אין וואַסער" איז געשריבן נאָך דזש. ה. מאקיי — אַ דייטשער אַנאַרכיסטישער דיכטער און דערציילער, פאַרפאַ־

סער פֿון אַ ראָמאַן וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָנדאָן אין די
80ער יאָרן. די דערציילונג שפּילט זיך אָפּ, קענטיק, אין אייראָפּע, וואַרשייַ־
לעך, אין דייטשלאַנד. די נאָמענלאָזע העלדין פֿאַרלירט איר מוטער, אַזוי ווי
אין באָװשאָווערס פֿריערדיקער דערציילונג „די יתומה", באַלד נאָך איר
געבורט. די יתומה נומ׳ 2 ווערט אָבער ניט דערצויגן פֿון איר פֿאָטער. ער
איז געווען „אַ רייכער אָנשטענדיקער שופֿט (אויסוואורף), וואָס האָט איר
מוטער פֿאַרפֿירט". די יתומה האָט פֿון אים „גאָרניט געהערט און האָט פֿון
אים אויך ניט געוואָלט הערן". „ווען זי איז אַלט געווען דריי מאָנאַט, האָט
מען זי אָפּגעגעבן צו אַן אַלטער פֿרוי, וואָס זאָל זי דערציִען. מיט אַ סך קלעפּ,
אָבער מיט ווייניק נאַרונג, האָט דיזע פֿרוי זי דערצויגן, ביז זי איז געוואָרן
גרויס גענוג, אום צו נעמען עטוואָס פֿאַרדינען".

ווען די יתומה ווערט עלטער, שטרעבט די אַלטע „וואָס פֿלעגט פֿון איר
אָפּנעמען דאָס געלט, וואָס זי האָט פֿאַרדינט אין פֿאַבריק", צו עקספּלואַטירן
איר שיינקייט. זי מאַכט די יתומה פֿאַר אַ בלומען־פֿאַרקויפֿערין, כּדי איר
שיינקייט זאָל ווערן אויפֿפֿאַלנדיק. באַלד געפֿינט זיך אויף איר אַ בעלן, אַ
יונגער גראַף, וואָס „זיין בליק איז געווען פֿרעך און ווילד". די אַלטע ווענדט
זיך דאַן צו דער יתומה מיט אַ „בליק פֿון אַ הונגעריקן וואָלף, ווען ער לויערט
אויף זיין קרבן", ברענגט אַריין פֿלעשער ווין און טיילט איר מיט, אַז באַלד
וועט צו איר קומען אַ „גאַסט, דער „שיינער, יונגער הער . . . " ווען ער קומט
און די יתומה שטויסט זיך אָן, וואָס ער וויל פֿון איר, אַנטלויפֿט זי פֿון שטוב.
ער יאָגט זי נאָך ביז צום בריק, פֿון וועלכן זי שפּרינגט אַרונטער און דער־
טרינקט זיך. ביים אַלטן שמ"רן וואָלט דערפֿון אויסגעשפּונען געוואָרן אַ
„העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן". ביים יונגן באָװשאָווער קומט דערפֿון
אַרויס אַ ווייַנענדיקער צייטונג־באַריכט, נאָר אָן די נעמען פֿון די העלדן און
אָן דעם אָרט פֿון דער געשעעניש.

ניט פֿיל בעסער געלינגט באָװשאָווערן זיין צווייטע סקיצע „די שטראָף
פֿון דער נאַטור". אַ ניינצן־יאָריק אַרבעטער־מיידל ווערט קראַנק אויף שווינד־
זוכט, אָבער ניט פֿון איר שווערער אַרבעט איבעם אַמעריקאַנישן שוויץ־שאָפּ,
ווי דער סדר איז, נאָר אַלס „שטראָף פֿון דער נאַטור", פֿאַר ניט־באַפֿרידיקטער
סעקסועלער ליידנשאַפֿט. אַזאַ סקיצע וואָלט ניט מעגלעך געווען אין „אַרביי־
טער־פֿריינד" מיט דריי יאָר פֿריער, ווען ק. גאַלאָפּ איז געווען דער רעדאַק־
טאָר, אויך ניט אין דער „פֿרייע אַרבעטער־שטימע" אונטער עדעלשטאַטס
רעדאַקציע. די סקיצע איז געווען באַווירקט פֿון דער אַגיטאַציע פֿאַר אַזוי־
גערופֿענער „פֿרייער ליבע", וואָס האָט ביי אַ געוויסן קרייז אָנגענומען די
פֿאָרם פֿון אַגיטאַציע פֿאַר אומדיסציפּלינירטע און אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע סעק־
סועלע ליידנשאַפֿטן.

סאַטירעס פֿון אַ ברייטערן פֿאַרנעם ווי זיינע פֿאָלעמישע קיבעצערייען
זיינען „ליכט און „שאָטן" (אַ שפּאַציר מיט היינען איבער ניו־יאָרק, אָנ־
הייב 1893, באַלד 27 יאָר נאָך היינעס טויט). באָװשאָווער איז נאָך דע־

מאָלט גרינג אויף טרערן, און די טענער פֿון היינעס לירע האָבן ביי אים „געעפֿנט דעם קוואַל פֿון די טרערן“. באָוושאָווער טרעט דאָ אַרויס אַלס אַן אויסגעהאַלטענער אַטעאיסט און ער דערקלערט אין היינעס נאָמען: „קיין גאָט איז ניטאָ און קיין טייוול“, און אַז דאָס יידנטום און קריסטנטום זיינען ביידע „געפּערלעך“. זיין שפּראַך איז דאָ פֿלעבייאיש, המוניש: אַמע־ריקע הייסט דאָרט ביי אים „פֿרייהייט־שטאַל“. „די אויבערשטע שורקן“ (אויסוואורפֿן“ און „לומפּן“ פֿון דייטשלאַנד ווינטשט ער „זיי זאָלן דאָרט ווערן דערשטיקט אין זייערע שמוציקע זומפּן . . .“ מיט די „ערלעכע לייט“, וואָס „מאַכן מענטשן פֿאַר שקלאַפֿן“ הייסט ער „מיט זיי טאָן, ווי מען האָט געטאָן מיטן זעכצנטן לודוויק פֿון פֿראַנקרייך“.

די צווייטע סאַטירע „האַרבסט־בלומען“ איז מעגלעך געשריבן אין דער צייט פֿון די „פּראָקטיקע טעג“, ווען ס׳פֿלעגן פּאָרקומען אָנפֿאַלן אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די פֿריידענקער און באַזונדער אויף די אַנאַרכיסטישע „יום־כפּור בעלער“. אַזוינע אָנפֿאַלן פֿלעגן פּאָרקומען אפֿילו נאָך אינעם 20סטן יאָרהונדערט. באַזונדערס זיינען אַזוינע אָנפֿאַלן געווען אַן אָפֿטע דערשיי־נונג אינעם אָנהייב פֿון די 90ער יאָרן. באָוושאָווער איראָניזירט איבער די פֿינצטערע מאַסן, וואָס לאָזן זיך פֿאַרפֿירן פֿונעם „רייכן“, אין וועלכן „עס צאָרנט“ דאָס „געטער־געפֿיל“: „דאָס פֿאָלק איז נאָך נאַריש, פֿאַרקריפּלט און קראַנק, דאָך ווייס ער צו געבן זיין קעמפֿער אַ דאַנק“ — אַ שטיין אין קאָפּ — אַ האַרטע בלום, „וואָס קלאַפּט און וואָס קנאַלט . . .“

אינעם טאָן פֿון „ליכט און שאָטן“ איז אויך געשריבן די קלענערע סאַ־טירע „ציט שטאַרקער די סטרונעס“. ס׳פֿילט זיך דאָרט די ווירקונג פֿון היינען און אויך פֿון ווינטשעווסקין (ער באַנוצט ווינטשעווסקיס ווערטל „האָ־בונעס“). עס איז דאָס איינציקע ליד, וואו באָוושאָווער רעדט קאָנקרעט וועגן דער לאַגע פֿון די אַרבעטער:

„די אַרבעט־צייט ווערט גרעסער,
דער אַרבעט־לוין ווערט קלענער;
די באָסעס גייט עס בעסער,
זיי ווערן דיקער, שענער.“

באָוושאָווער האָט ניט באַזונגען די העלדן פֿונעם פֿרייהייט־קאַמף, ווי דאָס האָבן געטאָן די דריי רעוואָלוציאָנערע דיכטער פֿון די 80ער יאָרן. ער דערמאָנט אויך קיינמאָל ניט דירעקט די שיקאַגער מאַרטירער, וועלכע עדעל־שטאַט האָט אַזוי פֿיל באַזונגען. בלויז אין זיין ליד „דער געניוס פֿון דער מענטשהייט“, געשריבן אין נביאישן סטיל און טאָן, צו דער געלעגנהייט פֿון דער וועלט־אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ, זומער 1893, וואַרפֿט פֿאָר באָוושאָ־ווער די אונטערדריקער, אַז זיי זיינען „פֿריינט“ פֿון „שטריק און גאַלגאַנס [תליות] פֿרייע גייסטער צו דערשטיקן“ און „פֿרייע“ מענטשן „ליבן“ זיי „אויפֿן שטריק צו ציען“.

אין אַלגעמיין האָט באָװשאָװער אויך אין זיינע פּאָעטישע לערן־יאָרן ניט נאָכגעפאָלגט שילעריש די רעװאָלוציאָנערע דיכטער פון די יונגע דיכטער אין זיין צייט און אויך מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער. װי אויבן דערמאָנט, באַנוצט זיך באָװשאָװער מיט זייערע סיוזשעטן, אָפט אפילו מיט די זעל־ביקע (אָדער מיט ענלעכע) נעמען, װאָס אין זייערע לידער. ער טראָגט אָבער אַלעמאָל אַריין עפּעס װאָס אייגנס און װייזט אַרויס פון ליד צו ליד מער זעלבסטשטענדיקייט.

* * *

באָװשאָװער האָט ניט אַזוי פיל זשאַנרען װי װינטשעװסקי און ראָזענ־פעלד. ער האָט הויפּטזאַכלעך לירישע לידער (קאַמף־לידער, טרערן־לידער, ליבע־און לוסט־לידער) און דידאַקטישע לידער. ס'זיינען ניטאָ ביי אים קיין באַלאַדעס און קיין פאַבלען, אויך ניט קיין סאָנעטן. אינעם פאַרגלייך מיט דער גאָר גרויסער צאָל עפּיגראַמען ביי װינטשעװסקין און ראָזענפעלדן זעט זיך באָװשאָװער כּלל ניט אָן אויף דעם דאָזיקן געביט. דערפאַר איז אָבער באָװשאָװער רייך אין פּאָעטישע פאָרמען. ניט אומזיסט האָט ער זיך גערימט, אַז „װי דער דיאַמאַנטן־שלייפער זיץ איך, און איך פוץ די לידער מיינע״.

8.

„דיכטונג־לוסט״

װי אַזוי יוסף באָװשאָװער האָט געלעבט נאָך זיין דורכפאַל אַלס גע־שעפטסמאַן, קאָן מען זען פון די זכרונות פון א. רודאַש [19] כאַטש זיי געהערן צו אַ ביסל אַ שפּעטערער צייט — 1895.[20]

א. רודאַש דערציילט, אַז יוסף באָװשאָװער איז ביי אים איינגעשטאַנען אָנהייב זומער 1895.[20] באָװשאָװער קריגט דאַן אַרבעט דורך דער רעקאָ־מענדאַציע פון ד״ר י. א. מעריסאָן „ביי אַ באַקאַנטן פאַריער״ [פוטערמאַכער] אין ברוקלין.

„ס'איז געװען אַ סטאָר [קלייט] צו דער גאַס און הינטער דער סטאָר איז געװען דאָס אַרבעט־צימער. די פענצטער זיינען אַרויס אין אַ הויף, מיט ביימער און גראָז, אויך בלומען. װען באָװשאָװער איז פאַרנאַכט אַהיימגע־קומען פון דער אַרבעט, איז ער געװען שטאַרק באַגייסטערט; געװיינלעך, ניט פון דער אַרבעט, נאָר פון דעם פלאַץ װאו אים איז אויסגעקומען צו אַר־בעטן. אויף מאָרגן אין דער פרי איז ער אַװעק צו דער אַרבעט, אָבער יענעם אָװנט איז ער שוין מער ניט געקומען אַהיים. עס איז פאַראיבער אַ פּאָר טעג. די לייט פון ברוקלין האָבן זיך אָנגעפרעגט ביי ד״ר מעריסאָן, װאו איז ערגעץ אַהינגעקומען דער אַרבעטער, װאָס ער האָט צוגעשיקט״.

שפּעטער האָט מען באָװשאָװערן געפונען אין ניו־הייװען, װאו ער איז געװען באַשעפטיקט ביי אַן אַנאַרכיסט, װאָס האָט דאָרט געהאַט אַ קליידער־געשעפט. באָװשאָװער פלעגט אויפפאַסן עטלעכע שעה אַ טאָג אויפן געשעפט,

„פֿאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ פּלאַץ צו שלאָפֿן און אַ פּאָר דאָלאַר דערצו״. מיטאָג־צייט „פֿלעגט ער אַרויסהעלפֿן אין אַ רעסטאָראַן און קריגן דערפֿאַר אַ מאָלצייט און 25 סענט״ מזומן.

אין דער זעלביקער אוניווערסיטעט־שטאָט איז געווען אַ קרעמער, וואָס האָט אויך געהאַט אַ צייטונג־„ראוד״ (אַ „וועג״, אַ געגנט, וואו ער שטעלט צו אין די הייזער צייטונגען) און האָט גלייכצייטיק שטודירט אין דעם דאָרטיקן יעיל־אוניווערסיטעט. דער דאָזיקער קרעמער־סטודענט האָט אָנגעשטעלט באַוושאָווערן, ער זאָל יעדן פֿרימאָרגן מאַכן פֿאַר אים דעם דאָזיקן „וועג״, דאָס הייסט, צעטיילן די צייטונגען אין די הייזער. אין אַ שטיקל צייט אַרום זיינען אָנגעקומען אָנקלאַגעס פֿון די לייענער, אַז זיי קריגן ניט זייערע צייטונגען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַוושאָווער האָט אויסגעפֿונען זייער אַ שיינעם פּלאַץ ביים „לייק־וויטני״, אַ שיינע אָזערע, אַרומגערינגלט מיט ביימער און גראָז, און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז עס איז אַ סך אָנגענעמער אין אַ שיינעם טאָג צו זיצן ביים טייך און באַטראַכטן די נאַטור, איידער פֿאַנאַנדערטראָגן צייטונגען״.

געקומען צוריק קיין ניו־יאָרק, דערציילט וויטער א. רודאש, האָט באַוושאָווער געקראָגן אַ שטעלע אויפֿצופּאַסן אויף אַ דאָקטערס „אָפֿיס״ (קאַבינעט). „פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט באַוושאָווער געקראָגן אַ צימער מיט עסן און אַ פּאָר דאָלאַר מזומן יעדע וואָך. ער האָט געהאַט גענוג צייט, און אין עטלעכע חדשים האָט ער זיך אויסגעלערנט ענגליש״ [21]. באַוושאָווער שרייבט דאָן אַן זיינע לידער אין ענגליש, פֿון וועלכע ער האָט „געבראַכט אַ פּאָר״ צו בענדזשאַמין ר. טאָקער, דעם רעדאַקטאָר פֿון דער אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישער צייטשריפֿט „ליבערטי״ („פֿרייהייט״) אין באָסטאָן.

לויט ד״ר מיכאל קאַן, איז באַוושאָווער אַוועק אין ניו־היווען, ווייל אים איז איינגעפֿאַלן די אידייע צו נעמען אַ קורס אין ענגלישער ליטעראַטור אין דעם באַרימטן „יעיל־קאָלעדזש״. און געקומען אַהין האָט ער „גענומען לערנען אין דער יעיל־ביבליאָטעק אַלע קלאַסיקער אין דער ענגלישער שפּראַך״. באַוושאָווערס פּלאַן, צו נעמען אַ קורס אין ענגלישער ליטעראַטור האָט זיך אָבער „אויסגעלאָזן מיט גאָרניט״, ווייל, ווי אָט דער פֿריינד זיינער דערקלערט, „ווי קומט אַזאַ ווילדער שווערמער צו אַ סיסטעמאַטישער לערע. וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן ביי אים פּראָגראַמען, טעקסט־ביכער און באַשטימטע לעקציאָנען״ [2].

נאַטירלעך, דאַרפֿן דערביי דיסקאָנטירט ווערן אויך די מאַטעריעלע שוועריקייטן, וואָס באַוושאָווער האָט געהאַט אין ניו־היווען, וואו ער האָט געדאַרפֿט פֿטרן אַ סך צייט אויף אויפֿצופּאַסן אַ קליידער־געשעפֿט, אויף אַרויסהעלפֿן אין אַ רעסטאָראַן אָדער אויף פֿאַנאַנדערטראָגן צייטונגען, כדי צו האָבן קוואַרטיר און עסן. ס׳איז אָבער אויך ריכטיק, אַז אַ סך אָרעמע יידישע אינטעליגענטן האָבן אין יענע יאָרן אויסגעשטודירט נאָך ביי שווערערע אומשטאַנדן, אַרבעטנדיק אַ גאַנצע טאָג אין דער שוויץ־פֿאַבריק פֿאַר אַ הונגער־

לוין, שטודירנדיק אין אָוונט און, מאַכנדיק זייערע לעקציעס שפּעט אין דער נאַכט, ווי באָווּשאָווער אַליין האָט עס געשילדערט אין זיין אויבנדערמאָנטער ליד „דער שלאָף".

דאָך האָט באָווּשאָווער באַוויזן אין ניו־היווען צו דערלערנען גוט די ענג־לישע שפּראַך, אין וועלכער ער האָט זיך שפּעטער, ווי א. רודאש דערציילט, ווארשיינלעך, נאָך מער פאַרפולקאָמט, שוין זייענדיק צוריק אין ניו־יאָרק [22]. ד"ר קאָן דערציילט, אַז באָווּשאָווער איז, נאָכן קומען צוריק פון ניו־היווען, געווען „אַ לעבעדיקער לעקסיקאָן" פון דער ענגלישער שפּראַך. ער אילוס־טרירט עס דורך פאָלגנדיקן עפּיזאָד: באָווּשאָווער האָט דערשטוינט זיינע פריינד, וואָס האָבן אים גענומען פרעגן דעם באַטייט פון שווערע שטעלן פון שעליס פּאָעזיע, וועלכע זיי „האָבן טאַקע אַליין ניט געוואוסט זייער באַטיי־טונג". ווען זיי האָבן אַ קוק געטאָן אינעם ווערטער־בוך, האָבן זיי אויסגע־פונען, אַז באָווּשאָווער גיט זיי „די ריכטיקע באַטייטונג פון יעדן וואָרט, פון זעלטענע פייגל, פלאַנצונגען, קרייטעכער, טעכנישע טערמינען און דאָס גלייכן" [3].

* * *

באָווּשאָווערס לידער פון די יאָרן (1894־1895) צייכענען זיך אויס דאָס רוב מיט זאָרגלאָזיקייט און לעבנלוסטיקייט. צו יענער צייט געהערן, וואַר־שיינלעך, זיינע „פעסט־לידער" (יום־טוב־לידער), „ליבע־לידער", דיכטונג־לוסט", „פרילינג־לוסט", „די מיידלס ליבע־ליד" א. ד. גל., ווי אויך זיינע סאַטירעס נאָך געטע („אונדזער וועג" און „בערל מטושטש") א. אַנד.

באָווּשאָווער איז דעמאָלט פול מיט לעבן און איז מיט זיך היפּש צו־פרידן. ער פילט נאָך דעמאָלט ניט די ביטערקייט פון „פרעמדן ברויט", פון וואָס עדעלשטאַט איז געוואָרן „גרוי, בלאַס ווי דער טויט". פאַרקערט, ער, באָווּשאָווער, איז נאָך דעמאָלט געווען ביי זיך טיף איבערצייגט, אַז ער גיט זיינע אונטערשטיצער מער ווי ער נעמט ביי זיי [23]. אין די הייזער, וואו ער פלעגט קומען צו גאַסט, האָט ער געשפּילט און געזונגען [24], געשטיפט און געלאַכט און איז געווען זיכער, אַז דער ווירט ביים „ווייס־געדעקטן טיש האָט גע־בענקט „נאָך דעם דיכטער און זיין ליד" („דער דיכטער אַלס גאַסט"). ער געפינט דעמאָלט שיינקייט אין די דערינערונגען פון זיין קינדהייט (אין לי־באַוויטש), ווען ער האָט מיט זיין איינציקער שוועסטער „בלומען געקליבן", און ווען ער האָט אַרומגעשפּאַצירט „ביים וואַסער־מיל", און זיך באַרוישט מיט דעם דופט פונעם „גרינעם וואַלד". אין יענער צייט איז באָווּשאָווער פול מיט ענערגיע און שאַפונג־פרייד. ער באַזיצט „מוט און זין און קראַפט" צו שאַפן זיינע לידער. ער רופט אויס (אין זיין ליד „דיכטונג־לוסט"):

„נאָר געאַרבעט, ניט געצייגערט,
ניט געפוילט זיך, ניט געוויגערט,
אימער פאָרווערטס נאָר געגאַנגען,
מענטש, ערפילסט דאַן דיין פאַרלאַנגען! . . .

און דאָס שאַפן זיינע לידער קומט אים אָן גאָר לייכט. באָוושאָווער דערציילט דאָרט:

„אין דעם ענגן קרייז דער ברידער,
דיכט איך לוסטיק מיינע לידער,
וויל איך זעץ איך מיר אַנדער,
און די דיכטונג־לוסט קומט ווידער".

ער פילט זיך אַרומגערינגלט מיט וואַרעמער ליבע און מיט פרייד. ס'איז אים, זאָגט ער, פריילעך אין דער וועלט. אין זיין צימער איז ליכטיק, זיין לאָמפּ „ברענט ליכטיק העל", און „דאָס ליכט פון די געדאַנקען שיינט צו לייכטן אויף דער וועלט".

און קומט דער פרילינג, טראַכט ניט באָוושאָווער, אַזוי ווי עדעלשטאַט, וועגן די „שקלאַפן געצעלטן", ער זעט ניט „נאָר קאַלטע פאַרפרוירענע הערצער", און הערט ניט „קייטן־מוזיק איבעראַל". באָוושאָווער זעט, ווי פון אַלע פעלדער שפּראָצט „אַ נייער לעבן", ווי „עס שוועבט אַ טיפע פרייד פון אַלע זייטן, און רופט מיט צויבער־טענער פון דער ווייטן". ער שטעלט זיך אויך ניט די פראַגע אַזוי ווי עדעלשטאַט, אַז „ווען קייטן באַרבאַרישע קלינגען אין דער „פרייער רעפּובליק" — — — ווי קען איך זינגען פון פרייהייט און גליק?" פאַרקערט, ער, באָוושאָווער, ווינטשט, אַז מיט „כרובים־קלאַנגען" זאָל זיין „האַרפע זינגען" און ווי „טויזנט פידלען" זאָל זיין „לוסט־ליד קלינגען". זיין גייסט הייבט זיך אויף אויף „אָדלער פליגל" און זיין נשמה פרייט זיך „אין איר פרייהייט".

יוסף באָוושאָווער הייבט זיך אָן דערווייטערן פון דער ווירקונג פון די דריי רעוואָלוציאָנערע דיכטער פון די 80קער יאָרן. ער הערט אויף זינגען אַזוינע לידער, וואו „יעטווידער אות איז אַ טרער". דער שאַף, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרזוכט זיין טעם, פאַרשווינדט פון זיין האָריזאָנט. דאָס, וואָס ער שרייבט אין אָט די יאָרן פונעם לעבן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, איז מערסטנס איבערזעצט אָדער אַדאַפּטירט פון אַן אַנדער שפּראַך, געוויינלעך פון דייטש, ווי צום ביישפּיל, זיין ליד „מייסטער און לערלינג", אַן אידיליע, וואָס איז געווען פרעמד דער אַמעריקאַנישער ווירקלעכקייט פון באָוושאָווערס צייט. ער פאַרהאַלט זיך אויך „אָביעקטיוו" ביי אַזאַ סוזשעט ווי זיין ליד „דאָס מאָדל" („נאָך אַזאַ בערט"), אַ סוזשעט ביי וועלכן די ערשטע דריי דיכטער האָבן פאַרגאָסן טרערן אויפן גורל פון דער „געפאַלענער פרוי" און דערביי אָנגעקלאָגט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, אָדער, ווי דער פלעבייאישער ראָזענפעלד, דעם פאַבריקאַנטס זון.

צו דעם זעלביקן פעריאָד געהערט מעגלעך אויך באָוושאָווערס לידער: „פאָטער־געפילן", „דערפאַלג", „דאָס בענקען נאָך שיינקייט" א. ד. גל. אין ערשטן ליד דערקלערט באָוושאָווער די „קינדער פון דער ערד", אַז ער ליבט זיי ווי אַ פאָטער און איז זיי מוחל זייערע זינד. אין צווייטן ליד חזרט באָוו־

שאָוועד איבער אַלטע פאָלקסטימלעכע אַרויסזאָגונגען („מע דאַרף נאָר וועלן אום צו קאָנען", „דער מענטש, וואָס שטרענגט זיך אָן, דער האָט" א. ד. גל.). אין דריטן ליד דריקט באָוושאָווער אויס דעם געדאַנק, אַז „נאָך דער שייב־קייט בענקען אַלע", און „יעדער וויל וואָס גוטעס טאָן", מען דאַרף די מענטשן נאָר „דערקלערן" און פיל וועלן דעמאָלט הערן". דערביי באַמערקט דאָרט באָוושאָ׳ער סאַרקאַסטיש: „יעדער וויל אַ פריינד דערהייבן, — וויל עס דען דער הענקער ניט . . . "

אַרום יענער צייט (1895־1896) זינגט אויך באָוושאָווער זיין ליד „צום פאָלק" און מעגלעך אויך זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער „אַ געזאַנג צום פאָלק" און „רעוואָלוציאָן", געשריבן אין דעם סטיל און אין דעם טאָן, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געליבט ביי וואָלט וויטמאַנען. די דאָרט אַרויסגעזאָגטע גע־דאַנקען זיינען שוין געווען פאַרמולירט אין די לידער פון די פריערדיקע דריי יידישע דיכטער און נאָך פריער ביי די רעוואָלוציאָנערע דיכטער פון ענג־לאַנד און דייטשלאַנד. באָוושאָווער אָבער האָט עס אַרויסגעזאָגט אין אַ באַ־זונדער קרעפטיקער שפּראַך און אין אַ שיינער קלאַסישער פאָרם.

ניט געקוקט דערויף, וואָס יוסף באָוושאָווער האָט דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ סך צייט אויף צו שטודירן די ענגלישע שפּראַך און ליטעראַטור, איז ער דאָך אין די יאָרן 1894־1895 ניט ווייניקער פּראָדוקטיוו, ווי אין 1892־1893, ווען דעם רעדאַקטאָר פונעם „אַרבייטער־פריינד" האָט געשראָקן די פרוכטבאַר־קייט פון דעם יונגן פּאָעט" און האָט געהאַלטן, אַז „ער שאַפט צו פיל" און „געוואָרנט אים, ער זאָל זיין אַביסל איינגעהאַלטענער אין זיין שאַפן" [25]. מ׳דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז יוסף באָוושאָווער האָט זיך ניט באַגרענעצט מיטן דרוקן זיינע זאַכן בלויז אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע. לויט, ווי ס׳זאָגט עדות די אַנאַרכיסטישע „פריייע אַרבעטער־שטימע" [25] איז דעמאָלט „כמעט די גאַנצע ניו־יאָרקער יידישע פּרעסע געווען פול מיט זיינע שאַ־פונגען" [26].

זיין פריינד מאַקס נ. מייזעל דערציילט [5], אַז יוסף באָוושאָווער האָט אין יענע יאָרן אויך איבערזעצט אַ ראָמאַן אין ענגליש. ווען מ. נ. מייזעל, אַלס בוכהענדלער, האָט דערהאַלטן דעם ערשטן עקזעמפּליאַר פון סענקעוויטשעס „קוואָ וואַדיס" אין דער רוסישער איבערזעצונג, האָט ער פאַרגעשלאָגן באָוו־שאָווערן „ער זאָל עס איבערזעצן און אַזוי אַרום פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר". באָוושאָווער „האָט אָבער קיין רוסיש ניט געקענט", האָט מייזעל דעם בוך גע־לייענט פאַר אים „זאַץ נאָך זאַץ" אין זיין יידישער איבערזעצונג, און באָוו־שאָווער האָט גלייך איבערגעגעבן דעם זאַץ אין ענגליש. אַזוי האָבן זיי ביידע „ווי עס איז פאַרענדיקט די גאַנצע איבערזעצונג", און באָוושאָווער האָט פאַר דעם געקראָגן 40 דאָלאַר, אַ היפּשע סומע פאַר יענער צייט, אָנהייב 1896 (מאַקס נ. מייזעל דערציילט, אַז דאָס איז געווען נאָך איידער באָוושאָווער האָט געשריבן ענגלישע לידער). „אויב ער „געדענקט ריכטיק", באַמערקט דערצו מ נ. מייזעל, איז באָוושאָווערס איבערזעצונג, אונטער זיין פּסעוודאָנים „באַזיל

דאַל", אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿונעם פֿאַרלעגער אַגילווי אין ניו־יאָרק. אויף מיין אָנפֿראַגע אין דעם דאָזיקן פֿאַרלאַג איז געקומען דער ענטפֿער, אַז די „קוואָ־וואַדיס"־איבערזעצונג, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, איז דערשינען אין 1898 און דער איבערזעצער איז וויליאַם ע. סמיט [27]. צי ס'געפֿינט זיך אַזאַ בוך אין די אַרכיוון פֿון אַן אַנדער פֿאַרלאַג, איז ניט זיכער. אין די בוכהאַנד־לונגען און אין דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק איז אַזאַ בוך ניט באַקאַנט. די אָנגעלעגנהייט דאַרף נאָך אויסגעפֿאָרשט ווערן.

9

„באַזיל־דאַל"

באָושאָווער האָט גרינטלעך געקענט די ענגלישע שפּראַך. ער איז גע־ווען באַקאַנט מיט אירע קלאַסיקער און אויך מיט אַ ריי מייסטערס פֿון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור פֿון זיין צייט. זיין קענטשאַפֿט אין דער ענג־לישער שפּראַך און ליטעראַטור האָט באָושאָווערן אָבער ווייניק מיטגעהאָלפֿן זיך אויסצוהאַלטן ווי געהעריק אַזוי, אַז ער זאָל ניט דאַרפֿן אָנקומען צו דער קאַרגער און ניט־זיכערער שטיצע פֿון קרובים און פֿריינט. נאָך ווייניקער האָבן אים אַריינגעבראַכט זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן אין יידיש, כאָטש ער איז געווען אימשטאַנד צו אַרבעטן אויף פֿאַרשיידענע געביטן: שרייבן לידער, דערציילונגען, עסייען און ביאָגראַפֿיעס, מאַכן גוטע איבערזעצונגען פֿון דייטש און פֿון ענגליש, ווי אויך געבן זשורנאַליסטישע אַרבעטן [28]. אין יענער צייט האָט זיך ליטעראַרישע אַרבעט אין יידיש ניט באַצאָלט. דער פֿערציק־יאָרי־קער ווינטשעווסקי האָט דעמאָלט געלעבט הויפּטזעכלעך פֿון בוכהאַלטעריע. דער דרייסיק־יאָריקער ראָזענפֿעלד האָט שווער געאַרבעט אַלס מאַשין־שטע־פּער און מאַנטל־פּרעסער אין די שניידער־פֿאַבריקן. אויך די מערסטע ייִנגערע דיכטער זיינען דעמאָלט געווען שאַפּ־אַרבעטער, און אייניקע פֿון זיי האָבן טאַקע, אַזוי ווי פֿריער עדעלשטאַט, זיך דערוואָרבן אינעם שאַפּ די „פּראָלע־טאַרישע קראַנקהייט" (שווינדזוכט) און זיינען פֿרי געשטאָרבן. מאָריס ראָזענ־פֿעלד, דער איינציקער דיכטער, וואָס האָט דעמאָלט באַקומען אַ געוויסן האָנאָ־ראַר פֿאַר זיינע לידער, פֿלעגט קריגן אַ דאָלאַר פֿאַר אַ ליד אין דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „אַבענד־בלאַט". באָושאָווער האָט זעלטן געקראָגן אויך אַזאַ „האָנאָראַר" פֿאַר זיינע יידישע לידער [29]. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס יוסף באָושאָווער האָט אָנגעהייבן זוכן ליטעראַרישע אַרבעט אין דער ענגלישער שפּראַך און געפּלאַנט אַריבערצוגיין פֿון דער יידישער צו דער ענגלישער ליטעראַטור. דאָס פּרוּוון איבערגיין פֿון יידיש צו ענג־ליש איז אָבער ביים 23־יאָריקן באָושאָווער אויף קיין פֿאַל נישט געווען בלויז אַן עקאָנאָמישע פֿראַגע. ד"ר מיכאל קאָהן דערציילט, אַז באָושאָווער האָט געהאַלטן, אַז ער קאָן זיך מעסטן אין דיכטערישער קראַפֿט מיט די אָנ־

ערקענטע דיכטער אין ענגליש.[3] ער האָט דעריבער געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זיין מייסטערשאַפט אַלס ענגלישער דיכטער. אין יענער צייט, פעברואַר 1896, ווענדעט זיך באָוושאָווער צו בענדזשאַמין ר. טאַקער, דעם רעדאַקטאַר פון אַן אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישער אויסגאַבע אין ענגליש, „ליבערטי" (פרייהייט), ער זאָל אים העלפן קריגן ליטעראַרישע אַרבעט אין ענגליש. ווי בענדזשאַמין טאַקער דערציילט אין „ליבערטי" פאַרן 7טן מערץ (1896), איז באָוושאָווער דעמאָלט „געווען טיף איבערצייגט, אַז ער האָט ליטעראַרישע פייאיקייטן פון אַ העכערער מדרגה, און זיין הויפּט וואונטש איז זיי צו אַנטוויקלען. ער איז אַזוי געבויט, האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן ביי קיין אַנדער זאַך ניט אַרבעטן, און אפילו אויפן ליטעראַרישן געביט האָט ער קיין חשק ניט געהאַט צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס איז ניט אינעם פולן איינקלאַנג מיט זיין [ליטעראַרישן] געשמאַק". בענדזשאַמין טאַקער דערציילט ווייטער, אַז באָוושאָווער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו מאַכן איבערזעצונגען פאַר אַ צייטונג, און ער האָט אָפּגעזאָגט זיך עס אָנצונעמען פשוט דערפאַר, „ווייל די זאַכן צו איבערזעצן האָבן ניט געפּאַסט פאַר זיינע מיינונגען און אידעאַלן, כאָטש די אַרבעט איז געווען גרינג און האָט זיך באַצאָלט, ווייניקסטנס, גענוג אויסצוהיטן אים פון אַרומגיין אַ הונגעריקער".

מיר ווייסן ניט, צי באָוושאָווער האָט דעמאָלט געקראָגן אַ וועלכע ניט איז אַרבעט אין דער ענגלישער שפּראַך. בענדזשאַמין טאַקער דערציילט עס ניט. זיכער איז נאָר, אַז באָוושאָווער האָט אַ גאַנץ יאָר געשריבן ענגלישע לידער אונטערן נאָמען „באַזיל דאַל". ער האָט איבערזעצט אין ענגליש אַ פּאָר פון זיינע יידישע דיכטונגען און האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ צענדליק נייע לידער, געשריבן דירעקט אין ענגליש. צוזאַמען מיט באָוושאָווערס ערשטער ליד אין דער ענגלישער שפּראַך „צו די אַרבעטנדיקע" (אַן איבערדיכטונג פון זיין יידישן ליד „צום פאָלק" אין „ליבערטי" פאַרן 7טן מערץ, 1896), האָט ב. טאַקער פאַרעפנטלעכט אַן ענטוזיאַסטישע אָפּשאַצונג פון באָוושאָווערן אַלס ענגלישן דיכטער. נאָך דעם ווי ער האָט דערציילט, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט, וועגן באָוושאָווערס זוכן אַרבעט און געבראַכט זיין מיינונג וועגן זיך, שרייבט ב. טאַקער אַזוי:

„עטלעכע וואָכן האָב איך פון אים [באַזיל דאַל־באָוושאָווער] ניט געהערט. אָבער דאָ מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז ער געקומען צו מיר אין רעדאַקציע, אין מיין אָפּוועזנהייט, און האָט איבערגעלאָזן עטלעכע מוסטערן פון זיין פּאָעזיע, איך זאָל זיי איבערקוקן. ווען איך האָב זיי דורכגעלייענט, בין איך געווען דערשטוינט און דערפרייט, וואָרום איך בין געווען איבערצייגט, אַז דאָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נייער און אַ גרויסער דיכטער. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ טייל פון זיין אַרבעט איז געווען שוואַכער, ווי די איבעריקע און אַ סך פון זיי זיינען נאָך רוי, ווייזן זיי [זיינע לידער] דאָך אַרויס גוניאַלקייט, און עס דוכט זיך מיר איצט, אַז דאָס ליד

„צו די אַרבעטענדיקע", וואָס איך דרוק אָפּ אויף אַן אַנדער פּלאַץ [אין אָט דעם נומער], איז אַ וואונדערבאַרע דערגרייכונג, ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז דער אויטאָר איז אַ יונגערמאַן, וואָס האָט נאָך מיט צוויי יאָר צוריק ניט געקאָנט קיין וואָרט פון דער ענגלישער שפּראַך [30].

„איך פיל זיך אומאָנגענעם, וואָס איך האָב ניט באַמערקט דעם יונגמאַנס טאַלאַנט ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים. און איצט בין איך גענויגט אים צו זאָגן, ווי עמערסאָן האָט געזאָגט צו וויטמאַנען: „איך גריס דיך ביים אָנהייב פון אַ גרויסער קאַריערע. זאָגט מיר, נאָרדאָק, לויד, טראָובעל און אַלע אַנדערע פריי־געזאָנענע דיכטער, וועלכע ווייסן מער וועגן פּאָעזיע ווי איך, צי האָב איך אַ טעות, אַז איך האָב אַנטדעקט אויפן הימל אַ נייעם שטערן, אפשר פון דער ערשטער גרויס? איז מיין טעלעסקאָפּ אַ ליגנער? בין איך דען צופיל ענטוזיאַסטיש איבער דעם דאָזיקן יונגנמאַן? צי האָבן מיר דען ניט, אין דער אמתן מאַיעסטעטישע רייד אין דעם ליד „צו אַרבעטענדיקע"? איז עס ניט אַן אמת חשובער דעביוט אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור? אַזוי, וויניקסטנס, דוכט זיך מיר, און איך בין דעריבער שטאָלץ, וואָס עס איז מיר באַשערט געווען צו זיין דער ערשטער צו דרוקן אַן ענגלישע ליד פון דער פעדער פון באַזיל דאַל" [31].

ב. טאָקערס ליב־געזאַנג וועגן באָושאָווערס ליד האָט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין דער ענגלישער ליטעראַטור. קיין ענגלישער דיכטער אָדער קריטיקער האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף ב. טאָקערס ווערטער. מעגלעך, אַז זיי האָבן זיין אַנאַרכיסטישע אויסגאַבע כלל ניט געלייענט, אָדער זיי האָבן באַטראַכט ב. טאָקערן פאַר אַ „משוגענעם אַנאַרכיסט" און זיינע ווערטער ניט גענומען אין אַכט. אַלנפאַלס דאָס יאָר מיטאַרבעט אין דער „ליבערטי" (זיין לעצטע ליד האָט באָושאָווער דאָרט געדרוקט אין מערץ־נומער, 1897) האָט ניט דערגרייכט דעם ציל. קיין איין ענגלישע ליד באָושאָווערס איז ניט אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע פון די אַמעריקאַנער דיכטער, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט ראָזענפעלדס ענגלישע לידער. קיין איין ענגלישער דיכטער אָדער קריטיקער האָט אים ניט באַגריסט, ווי די זעלביקע דיכטער־קריטיקער, צו וועלכע בענדזשאַמין טאָקער האָט זיך געווענדט, האָבן באַגריסט ראָזענפעלדן מיט צוויי יאָר שפּעטער (1898).

* * *

אַחוץ זיינע אָריגינעלע לידער אין ענגליש האָט באָושאָווער, ווי אויבן דערמאָנט, אויך פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר איבערדיכטונגען פון יידיש: „צו די אַרבעטענדיקע" („ליבערטי", מערץ 7, 1896), וואָס איז אינגאַנצן גענומען פון זיין יידיש ליד „צום פאָלק", און „מיט דער נאַטור" (דאָרט, אַפּריל, 1896), וואו דריי סטראָפעס פון זיבן זיינען איבערגעדיכטעט פון זיינע יידישע „נאַטור־

לידער״, פאַרעפנטלעכט אין דער „פרייער געזעלשאַפט״, פעברואַר, 1896 (מיט אַ חודש פריער איידער באָוושאָווער האָט מיטאַרבעטן אין דער „ליבערטי״).

ביים איבערדיכטן זיין ליד „צום פאָלק״ פון יידיש אין ענגליש ענדערט באָוושאָווער דאָס וואָרט „פאָלק״ אויף „אַרבעטסמאַן״. ער מאַכט אויך אַ ריי אַנדערע ענדערונגען. אַנשטאָט „איך האָס דיין דומהייט און דיין בלינדקייט, פאָלק״, ווי ער האָט אַן זיין ליד אין יידיש, איז דער אָנהייב אין ענגליש: „איך האָס דיין אָבערגלויבן, אַרבעטמאַן״. זיינע ווערטער אין יידיש: „דיין שאַרפער וויץ ערשיינט מיר אָפּגעשמאַכט״ איבערדיכטעט באָוושאָווער: „דיין שאַרפער וויץ האָט מיר קיינמאָל ניט געמאַכט לאַכן״. באָוושאָווער ענדערט „שווערע מי״ אויף „אומאויפהערלעכע מי״, „לעבן אָן רו״ אויף „זינלאָז לעבן״, „שטאַרקע האַנט״ אויף „אומזיגבאַרע האַנט״ א. ד. גל.

גרינטלעכע קאָמפּאָזיציאָנעלע ענדערונגען מאַכט באָוושאָווער אין זיין איבערדיכטונג פון דריי סטראָפעס פון זיינע „נאַטור־לידער״. ער גיט זיי אויך אין אַ פאַרקערטן סדר ווי אין יידיש: די סטראָפעס 2, 3 און 4 אינעם פיר־סטראָפיקן יידישן ליד זיינען 5, 4 און 3 אינעם זיבן־סטראָפיקן ענגלישן ליד. די ערשטע סטראָפע פון דעם יידישן ליד, וועלכן באָוושאָווער דיכטעט ניט איבער אין ענגליש, איז ניט קיין בילדלעכע, ווי די איבעריקע דריי סטראָ־פעס, און ווי דאָס גאַנצע ענגליש ליד, נאָר אַ דעקלעראַטיווע, וועגן דער פראַכט און די סודות פון דער נאַטור. זי געפינט זיך אָבער אין איינקלאַנג מיט זיין אויפרוף ביים סוף פון דער דריטער סטראָפע (אין ענגליש די 4טע): „ווי וויכטיק בין איך דאָ, און דאָך ווי שוואַך! ווי ניכטיק בין איך דאָ, און דאָך ווי גרויס!״

אַזוי ווי אינעם ליד „צו די אַרבעטנדיקע״ אַזוי אויך אינעם ליד „מיט דער נאַטור״, טראָגט באָוושאָווער אַריין אַ ריי ענדערונגען. אין זיין יידיש ליד פאַרצווייפלט ער אין דער „גרויסער וועלט״, אין ענגליש — אין דער „פאַרדאַרבענער וועלט״. אינעם יידישן ליד ווערט באָוושאָווערס ברוסט דער־פילט „מיט לעבן״, אין ענגליש — מיט „ליבע און רו״; אין יידיש מיט „לעבנס־מוט״, שטערן גלאַנצן „שיין ווי אַ שליח פון אַ נייער צייט״. אין ענג־ליש — ווי אַ שליח פון פרידלעכע, רואיקע צייטן.

מיטאַרבעטנדיק אין דער אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישער „ליבערטי״, ווערט באָוושאָווער באַווירקט פון איר אינדיווידואַליסטישער פילאָסאָפיע. ער זינגט אַ באַזונדער ליד צו זיין „איך״, בעת מיט עטלעכע יאָר פריער האָט ער געוואָרנט די קעמפער: „ווען איר קעמפט און טראָגט די מענטשן־ליכט אויף זיך״, טאָר קימערט זיך ניט וועגן „איך״. צום ערשטן מאָל טראָגט אויך אַריין באָוושאָווער דירעקט דעם אַנאַרכיסטישן ענד־ציל אין זיינע לידער. אין זיין ליד „טרויסט״ („ליבערטי״, דעצעמבער, 1896), שרייבט ער: „די שעה פון קנעכטשאַפט איז פאַרביי, באַגינען פון אַנאַרכיע — לייכט שוין אויף אין מענטש־געדאַנק״.

באָוושאָווערס דיכטונג אין ענגליש פּאַלט צוזאַמען מיטן אָנהייב פונעם צווייטן פּעריאָד אין זיין שפאַן. ער הייבט שוין דעמאָלט אָן אָפּגיין פון די ליטעראַרישע טראַדיציעס פון ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד און עדעלשטאַט, פון וועלכע ער איז געווען באַווירקט אין זיין ערשטן פּעריאָד, ווען ער האָט דערקלערט, אַז אין זיין ליד „איז יעטווידער אות אַ טרער". ער איז באַווירקט פון די מייסטערס פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע און ער זוכט אָנשליסונג אָן די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור. ס'הייבן אים אָן רופן „שטימען פון שענערע וועלטן, וואו גראַבקייט און אָרעמקייט זעען זיך זעלטן", פון וועלטן פון „קונסט און געשמאַק פון טאַלאַנט און ענטציקן"[32].

יוסף באָוושאָווערס לידער אין ענגליש[33] זיינען געשריבן אין אַ רייכערער און קרעפּטיקער שפּראַך, ווי זיינע לידער אין יידיש. ער טראָגט אָבער דאָרט ניט אַריין קיין נייעם טאָן. ער גיט דאָרט ניט קיין רעאַליסטיש בילד פון דעם יידישן אַרבעטער לעבן, אָדער פון דער יידישער אָרעמשאַפט בכלל. באָוושאָווערס ענגלישע לידער ציען דעריבער ניט צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער ענגלישער קריטיק, ווי מיט צוויי יאָר שפּעטער די איבערזעצונג פון ראָזענפעלדס רעאַליסטישע שאָפּ־לידער, וועלכע האָבן שטאַרק אויפגערודערט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור און פּרעסע. באָוושאָווער זינגט פילאָסאָפיש־הומאַניסטיש וועגן ערלעכקייט, נאַטור, זינען פונעם לעבן, שפּע, גליק, מענטשן־ליבע, טרייסט א. ד. גל., אָדער ער באַזינגט דעם „איך". אַלץ אַזוינע סיזשעטן וואָס זיינען שוין אַ סך מאָל געזונגען געוואָרן אין דער ענגלישער און אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור[34].

10

יאוש געזאַנגען

וועלכע לידער און פּראָזע אין יידיש האָט באָוושאָווער געשריבן אין 1897 איז ניט גענוי באַשטימט. אָבער זיינע לידער, פאַרעפנטלעכט אין 1898, ווייזן שוין פאַרביטערונג און אַנטוישונג. ס'איז געגנוג צו פאַרגלייכן אַט די לידער מיט זיין ליד „דאָס לעבן" אין „ליבערטי" פון מאַי, 1896. דאָס דאָזיקע ליד איז געווען פול מיט לעבנס פרייד („איך האָב געפונען אַ לעבן פון העכסטער פרייד, אַ פרייד, וואָס איך וועל ניט אויסבייטן פאַר קרוינעס גאָלד"). דאָס ליד פון 1898, מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער, איז פול מיט קהלתדיקן יאוש. באָוושאָווער איז דאָרט אַנטוישט אין דער ליבע, ער האָפט ניט מער אויף גליק און ער ווייזט אויך אַרויס מיזאַנטראָפּישע נייגונגען. זיין אויספיר איז: „טויזנטער דורות פאַרשווינדן אָנע די וועלט צו דערגרינדן, נאַריש דערשיינט זיי דאָס לעבן; דאָך דענקער און קינסטלער און דיכטער, קעניגע, פּרינצן און ריכטער לאָזן זיך נאַרן און לעבן".

פול יאוש איז באָוושאָווערס אַנטי־מלחמה־ליד „די פרידנס־פּאַלמע" (דאָרט,

אַפּריל, 1898). ס'זעט אויס ווי אַ סאַטירע קעגן מיליטאַריזם, וואָרשיינלעך געשריבן צו דער געלעגנהייט פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַניש־שפּאַנישער מלחמה. אין דער אמתן אָבער איז אָט דאָס ליד מער עלעגיש, ווי סאַטיריש. די „פרידנס־פּאַלמע" דערהייבט זיך „אימהדיק פון מיטן" פון „אַ הויפן שאַרבנס", פון געפאַלענע „שטאָלצע קעמפער":

„דאָס מויל פון אַ קאַנאָנע,
דאָס איז איר שטאַרקער שטאַם;
די צווייגן זיינען שווערטער,
די בלעטער זיינען שפּיזן
געטריבט פון פילע ערטער,
פון פילע טויטע ריזן".

* * *

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער און שוין גאַרניט פּאַציפיסטיש איז באָווּשאָווערס ליד „דער פרייהייט־קעמפער", פאַרעפנטלעכט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער אינעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן חודש־זשורנאַל „די נייע צייט" (אויגוסט, 1898). ער שרייבט זיך דאָרט אונטער אין ענגליש (ב. דאל). באָווּשאָווערס פרייהייט־קעמפער שטייט „אַליין אין שטורם", ווי עדעלשטאָטס „אַלטינקער זעלנער". ער איז אָבער „אַ יונגער העלד", וואָס „ווייס ניט פון קיין אַלטקייט" און „אים קאָן די נויט און אויך דער טויט פון ווירקן ניט פאַרביטן". ער איז ניט אַזוי ווי עדעלשטאָטס פרייהייט־קעמפער (אין זיין ליד „דער רויטער זעגל"), „אַ פּראָלעטאַר", וואָס „מיט זיין אייזערנער האַנט אויף דעם רודער שטייט ער שטאָלץ אין געפאַר". ער איז אָבער אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכן עס „טרייבט דער דראַנג פון פאָלקס־פאַרלאַנג" און „דער האַס צום שלאַנג פון שקלאַפן־צוואַנג".

„אים יאָגט דער גייסט, וואָס ברעכט און רייסט
דאָס פוילנדע אין שטיקער,
וואָס שטעכט און בייסט און שטראָפט און שמייסט
דעם ווילדן אונטערדריקער".

הויפּטזעכלעך אַרבעט מיט באָווּשאָווער אין 1898 אין אַלעקסאַנדער האַרקאַוויס פּראָגרעסיוו אומפּאַרטייאישן זשורנאַל „דער נייער גייסט". דאָרט פאַרעפנטלעכט ער אויך זיין סקיצע „אויס דעם טאָגעבוך פון אַ פרוי" און זיין איבערזעצונג פון שעקספּירס דראַמע „שיילאָק" (דער קויפמאַן פון ווענעדיק").

* * *

די וויכטיקסטע ליטעראַרישע אַרבעט באָווּשאָווערס פאַרן יאָר 1898 איז, אָן שום ספק, זיין „שיילאָק"־איבערזעצונג. זי האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין

מערץ מיט דער באַמערקונג, אַז „דיזע איבערזעצונג איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרן פאַר דעם „נייעם גייסט" אויף דער ביטע פון דעם רעדאַקטאָר".

באָושאָווערס „שיילאָק"-איבערזעצונג האָט געמאַכט אַ רושם. אפילו פּראָ־פעסאָר לעאָ ווינער, וואָס האָט אין זיין ענגלישן בוך איבער דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור (ניו־יאָרק, אָנהייב 1899) פאַרשוויגן באָושאָווערס דיכטונג, דערמאָנט אָבער באָושאָווערס דעמאָלט ערשט־פאַרענדיקטע „שיי־לאָק"-איבערזעצונג אינעם „נייעם גייסט", אַלס „די בעסטע איבערזעצונג אין פערזן פון איינע פון שעקספּירס דראַמעס, דער „קויפמאַן פון װענעדיק" פון דער פעדער פונעם דיכטער באָושאָווער". באַלד איז אויך באָושאָווערס „שיי־לאָק"-איבערזעצונג אַרויס אין בוך־פאָרם, אינעם פאַרלאַג פון יהודה קאַצע־נעלבויגן (ניו־יאָרק, תרנ"ט, 1899). דאָס בוך איז אַרויס מיט צוויי טיטל־בלעטער, אין יידיש און אין ענגליש. אויפן ענגלישן טיטל־בלאַט, איז אָנגע־געבן, אַז די איבערזעצונג איז געמאַכט פון באַזיל דאל (באָושאָווערס פּסעוו־דאָנים אויף זיינע ענגלישע לידער) און אַז „דאָס רעכט אויפצופירן אויף דער בינע געהערט צום איבערזעצער". באָושאָווער האָט צוגעגעבן צו זיין „שיילאָק"-איבערזעצונג אין בוך־פאָרם „אַ קורצע ביאָגראַפיע פון שעקספּיר" און אַ פאָררעדע צו „שיילאָק", אויף וועלכער ער שרייבט זיך אונטער: „אַכ־טונגספאָל י. באָושאָווער". מעגלעך, אַז לויט באָושאָווערס פאָדערונג איז דאָרט אויך געגעבן דאָס גוטע בילד פון שעקספּיר אויף אַ באַזונדערן גוטן פּאַפּיר — אַ לוקסוס, וואָס די שפּעטערדיקע אַרויסגעבער האָבן איינגעשפּאָרט.

אין זיין פאָררעדע צו „שיילאָק" (ז"ז 5־8) זוכט באָושאָווער ריינצו־וואַשן שעקספּירן פון דער באַשולדיקונג, אַז ער איז אַ „שונא־ישראל" דער־מיט, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט דעם יידן, אַזוי ווי זיינע שונאים באַ־טראַכטן אים, — דעם געמיינעם, געלט־מאַכנדן שאַכער־מאַכערדיקן, פון די אַנדערע פעלקער אָפּגעזונדערטן, זיין פאַמיליע ליבנדן יידן, וועלכער איז אַ פּראַצענטניק, ווי פון דער נאַטור און אַ חונף אויס [פון] שלאַנגען־אַרטיקער גלאַטקייט און גיפטיקייט".

יוסף באָושאָווער זאָגט ניט, אַז די שטריכן זיינען כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אַ געוויסן קלאַס יידן. באָושאָווער דערקלערט בלויז, אַז שעקספּיר מיט זיין גרויסן גייסט, רייכער נאַטור און גרויסער ליבע „איז געוויס פּייאיק געוועזן צו פאַרשטיין, און האָט פאַרשטאַנען, פון וואו דער איינגעבויגענער רוקן, דער שטילער גייסט, וואָס שאַרט זיך און גנבעט זיך אַריין אין דער וועלט, פון וואו די פאַרביסענע אין זיך שטאָלצע, — — — כיטרע אונטער־טעניקייט נעמט זיך ביים יידן", אַז שעקספּיר איז ניט געוועזן דער מענטש צו פאַראורטיילן, „צו פאַרשוואַרצן אַנע גרינטלעך אויסצופאָרשן, פאַנאַנדער צו פלאָנטערן און צו דערגיין דעם גרונט, די אורזאַכע פון אַ מענטשנס, אָדער פון אַ פאָלקס האַנדלונגען, און נאַטירלעכע אָדער אָנגענומענע כאַראַקטער־ציגע".

אָנווייזנדיק אויף שעקספּירס גרויסקייט, פרעגט באָושאָווער: „האָט דער

דאָזיקער שעקספּיר געקאָנט פאַראורטיילן אַ מענטשן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט אימער קריכן אויפן קאָפּ און איז געווען געדולדיק ביז אַ צייט? — — — האָט דיזער שעקספּיר געקאָנט אַרויסשטעלן שיילאָק אַזוי ווי ער האָט אים אַרויסגעשטעלט, אים צו פאַרדאַמען [פאַראורטיילן] אים און זיין ראַסע דאַפיר [דערפאַר], וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט אימער טרעטן מיט די פיס, אימער שפּייען אין באָרד, אימער פון זיך אָפּלאַכן, און אימער געשטערט צו זיין אין זיינע געשעפטן?״ און באָווּשאָווער מאַכט דעם אויספיר: „איז עס ניט לייכט צו פאַרשטיין, דאָס [אַז] דורך שיילאָקס ליפּן רעדט שעקספּיר אַליין, דער שעקספּיר, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געליטן ביז ער האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען, וועלכער האָט געליטן פולע דערנידערונגען און באַליידיקונגען פון די „גרויסע״ און פון פאָלק״ — — —? פילט איר ניט, דאָס שעקספּיר, דער פריער אונטערדריקטער, נאַכהער זיך זעלבסט־באַפרייענדער מענטש, מיט דער געפּלאַצטער געדולד רעדט אַרויס פון שיילאָקס ליפּן (באָווּשאָווער ציטירט דאָ שיילאָקס דיאַלאָג מיט אַנטאָניען, וואו דער ערשטער דערמאָנט די אַלע דערנידערונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון דעם לעצטן): „רעדט ניט אַזוי אַמאָל אין לעבן, אין די זעלבע אָדער אין עטוואָס אַנדערע ווערטער, יעדער אונטערדריקטער, פאַרשפּאָטעטער און געפּייניקטער מענטש. רעדט ניט אַזוי אַמאָל דער אַרבעטער צו זיין באַלעבאָס, דער אָרעמאַן צום רייכן״. באָווּשאָווער וויזט אויך אָן, אַז אַנטאָניאָ און זיינע פריינט („לײדאַקעס״, „באַלעבאַטישע לײדיקגייער״, וואָס לעבן אַ גוטן טאָג, שנאָרן, הוליען און גיבן ניט אַ קלאַפּ אַ פינגער אָן אַ פינגער״) זיינען „פונקט אַזעלכע געלט־מאַכער, ווי שיילאָק איז; — — — דער אונטערשייד פון זיי איז נעמלעך דער, דאָס זיי מאַכן געלט דורך געשעפט, דאָס הייסט, זיי נעמען פּראָצענט אומדירעקט און ער מאַכט געלט און נעמט עס דירעקט אין פּראָצענט. וואָס איז דער חילוק״.

יוסף באָווּשאָווערס פאָרוואָרט, געשריבן אין דער ערשטער העלפט פון 1899, אַנטהאַלט ניט, ווי מיר זעען, די מינדסטע אָנצוהערעניש אויף דער קלאַסן־צעטיילונג צווישן יידן. ס׳ווערט דאָרט ניט דורכגעפירט קיין ליניע צווישן די שיילאָקס, די פּראָצענטניקעס און עקספּלואַטאַטערס פון איין זייט, און די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן; פאַרקערט, די יידן ווערן דאָרט באַטראַכט פאַר אַ געאייניקט פאָלק מיט אַ פעסט־באַשטימטן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס באַשטייט פון „פאַרביסענער, אין זיך שטאָלצער — — — ביטרער אונטערטעניקייט״ אַלס אַ ראַסע „מיט באַשטימטע נאַטירלעכע, אָדער אָנגענומענע כאַראַקטער־צוגן״ . . . אַזוי אַרום איז באָווּשאָווער געקומען צו אידענטיפיצירן אַלע יידן, דערין אויך דעם יידישן אַרבעטער, מיט דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס שעקספּיר האָט געגעבן דעם יידישן פּראָצענטניק פון זיין צייט. שטעלנדיק זיך אויף אַזאַ פּאָזיציע האָט שוין באָווּשאָווער געמוזט קומען צו דער אויבן־אָנגעוויזענער אַפּאָלאָגעטיק פון שיילאָקן, צו פאַרטושן זיין רויבערישע נאַטור צו פאַרגלייכן שיילאָקס קאַמף קעגן אַנטאָניען מיטן

קאַמף פון די אַרבעטער קעגן די באַלעבאַטים. באָוושאָווערס טראַקטירונג פון דער שײַלאָק־פּראָבלעם איז טיילוויַיז באַווירקט פון הײַנען (אין זײַן ווערק „שעקספּיר און די פרויען"). הײַנע דערקלערט, אַז שעקספּירס דראַמע „ווײַזט אונדז, אײגנטלעך, ניט קיין יידן און ניט קיין קריסטן, נאָר אונטערדריקער און אונטערדריקטע און דעם משוגע־שמערצלעכן אויסגעשריי פון די לעצטע, ווען זיי ווילן זייערע בעל־גאוהדיקע פּײַניקער צוריקצאָלן מיט פּראָצענט פאַר די פאַראורזאַכטע קרענקונגען". באָוושאָווער זאָגט אַרויס דעם זעלביקן געדאַנק, ער ברענגט אָבער אַרײַן נאָך אַ מאָמענט, נעמלעך, דעם געדאַנק, אַז „דורך שײַלאָקס ליפּן רעדט שעקספּיר אַלײַן", אַז שעקספּיר דריקט אויס דורך דעם שײַלאָק־כאַראַקטער זײַנע אײגענע פּערזענלעכע איבערלעבונגען. באָוושאָווער ציטירט דעם זעלביקן דיאַלאָג צווישן שײַלאָקן און אַנטאָניאָן, וועלכן הײַנע ציטירט. ער ווײַזט אויך אָן, אַזוי ווי הײַנע, אויף דער נישטיקייט פון אַנטאָניאָן און זײַנע פרײַנט. אָבער אויך דאָ טראָגט אַרײַן באָוושאָווער אַ נײַעם מאָמענט, דאָס מאָל אַ סאָציאַלן. באָוושאָווער אונטערשטרײַכט, אַז אײגנטלעך איז דער חשובער געשעפטסמאַן אַנטאָניאָ דער זעלביקער פּראָצענטניק, וואָס דער וואָכערער שײַלאָק; דער אונטערשייד איז נאָר אין דער פאָרם: דער געשעפטסמאַן נעמט דעם פּראָצענט אומדירעקט, בעת דער וואָכערער נעמט עס דירעקט. פון דער אַנדערער זײַט, לאָזט באָוושאָווער אַרויס אַזאַ וויכטיקן מאָמענט, ווי די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע דערקלערונג, וועלכע פאַרנעמט בײַ הײַנען אַ סך פּלאַץ: פאַר וואָס האָבן די יידן אין שעקספּירס צײַטן געהאַט צווישן זיך אַזאַ גרויסע צאָל פּראָצענטניקעס.

* * *

אַחוץ לידער און פּראָזע־דיכטונג, האָט יוסף באָוושאָווער אָנגעשריבן אויך אַן עסיי וועגן פּאָעזיע און אײניקע דיכטער־ביאָגראַפיעס. זײַן עסיי „וועגן פּאָעזיע" איז געשריבן אין אַ שײנער פּאָעטישער שפּראַך פון אַ דיכטער, וואָס איז שטאַרק שטאָלץ אויף זײַן דיכטערישן באַרוף און איז באַגײסטערט פאַר דער מײַסטערשאַפט פון דער דיכטערישער קונסט. ער גיט דאָרט אויך מוסטערן פון די פאַרשיידענע פּאָעטישע פאָרמעס, אילוסטראַציעס דורך ווערק פון אַזוינע וועלט־דיכטער ווי מילטאָן, פּעטראַרקאַ, געטע און הײַנע. ס'איז אָבער דאָרט ניטאָ די מינדסטע אָנדײַטונג, אַז באָוושאָווער זעט וועלכן ס'איז אונטערשייד צווישן דער דיכטונג פון דער בורזשואַזיע און פון דער אַרבעטערשאַפט.

באָוושאָווערס רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע קומט מער צום אויסדרוק אין זײַנע ביאָגראַפישע עסייען, אין זײַנע דיכטער־ביאָגראַפיעס שטרײַכט אונטער באָוושאָווער די פרײַהײטלעכע אידייען פון דער באַשריבענער פּערזאָן. ס'איז אויך קענטיק, אַז באָוושאָווער פילט זיך דאָרט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן לײענער־קרײַז און זוכט פאָרצושטעלן זײַנע געשילדערטע דיכטער, ווי פרײַהײט־קעמפער. פון זײַנע פיר געשילדערטע דיכטער באַ־

ציט זיך באַוושאַוּוער קריטיש בלויז צו היינען. פאַר די איבעריקע דריי, די אַמעריקאַנער דיכטער עמערסאָן, וויטמאַן און מאַרקהאַם האָט באַוושאַוּוער בלויז לויב־געזאַנגען.

היינע איז געווען באַוושאַוּוערס יוגנט־ליבע. ער האָט געקענט זיינע לי־דער אויף אויסווייניק און איז פון אים געווען שטאַרק באַווירקט. דאָך שרייבט באַוושאַוּוער וועגן היינען זייער איינגעהאַלטן. מאָריס ראָזענפעלד, וואָס האָט שפּעטער אָנגעשריבן אַ גאַנצן ביכל וועגן היינען, דערקלערט דאָרט, אַז היינע איז „דער גרעסטער פּאָעט פון 19טן יאָרהונדערט". ראָזענפעלד רעדט ווייניק וועגן היינעס שוואַכקייטן און באַמיט זיך זיי צו דערקלערן און צו אַנטשולדיקן מיט דעם דיכטערס לעבן און סביבה און „מיט דער אומרואיקער שטורמישער צייט אין וועלכער ער האָט זיך אַנטוויקלט". באַוושאַוּוער, דאַקעגן, גיט אָפּ כמעט אַ העלפט פון זיין היינע־ביאָגראַפיע פאַר קריטיקירן היינעס שוואַכ־קייטן אַזוי, אַז צום סוף מוז ער זיך פאַרענטפערן: „איך מיין ניט צו פאַרקלע־נערן היינעס נאָמען — — — איך מיין ניט גלאַט צוצוטשעפּען זיך, נאָר איך בין איבערצייגט אין דעם, וואָס איך זאָג".

אויך וועגן היינעס רעוואָלוציאָנערישקייט רעדט באַוושאַוּוער זייער קאַרג. ביי ראָזענפעלדן איז היינע אַ „סאָציאַלער און פּאָליטישער קעמפער", וואָס „זיין שטורמיש ליד האָט געוועקט און געטריבן צו אַ בעסערס, העכערעס און פרייערעס לעבן", וואָס זיין ליד „די שלעזישע וועבער" האָט געוועקט „אַ דריי־פאַכן פלוך" צו דער שקלאַפעריי אין „אַלט־דייטשלאַנד". באַוושאַוּוער אָבער דערציילט בלויז, אַז „דורך דער יולי־רעוואָלוציע איז היינע געוואָרן אַ זייער הייסער דעמאָקראַט־רעוואָלוציאָנער".

ס'איז ניטאָ קיין ספק, אַז באַוושאַוּוער איז אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן געווען פאַרביטערט קעגן היינען. אינעם אָנהייב פון זיין דיכטער־קאַריער, אין דעם ליד „ליכט און שאָטן" האָט באַוושאַוּוער באַזונגען היינען מיט ליבע און אַכטונג. אין זיין היינע־ביאָגראַפיע זאָגט דערקלערט באַוושאַוּוער, אַז „היינע מוז מאַכן — — — אויף דער יוגנט אַ „ניט קיין גאַנץ געזונטן" איינ־דרוק". אין באַוושאַוּוערס פאָראורטיילן היינען פילט זיך אויך אַ משפט אי־בער זיך זעלבסט. באַוושאַוּוער שרייבט וועגן היינען, ווי ער וואָלט אין יענער צייט געקאָנט אויך שרייבן וועגן זיך אַליין:

„דער גייסט פון „גיי איך ניט אַהין, גיי איך אַהער", אָדער פון „בין איך געקראָכן אָדער ניט, וואָס איז די נפקא מיניה?" איז ניט קיין גע־זונטער גייסט און קאָן שאַטן אַנדערע אויך — — — אין זיינע לירישע געדיכטע, וועלכע האָבן אין זיך אַזוי פיל העלשטראַלנדע און רויטגליענדע שיינהייטן פון ליבע און וויין, געפינען זיך שטעלן פון קרענקלעכער דער־ביטערונג און מעלאַנכאָליע און אָפט עפּעס אַ מין מאָדנע לויזקייט און פאַ־נאַנדערגעשאָטנקייט, וועלכע איז ניט געזונט. דער שוואַכער גייסט, די צע־קראָכנקייט — דאָס איז אַ שלימזל אין דער וועלט . . . "

און פונקט אַזוי ווי באָוושאָוווער פֿאַראורטיילט אין היינען די אייגענע שוואַכקייטן, אַזוי לויבט ער אין געטען, עמערסאָנען, וואַלטמאַנען און מאַרק־האַמען באַזונדערס יענע אייגנשאַפֿטן, וועלכע האָבן אים געפֿעלט. אַזוי לויבט אויך באָוושאָוווער וואַלטמאַנען פֿאַר זיין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט, וואָס ער אַליין איז דערצו געווען גלייכגילטיק. כאַראַקטעריסטיש איז אויך באָוו־שאָווערס שטעלונג צו היינעס יידישער אָפּשטאַמונג. ער זעט ניט אין דעם קיין שום ווירקונג אויף היינעס פּאָעזיע, ווי ראָזענפֿעלד, וועלכער האַלט, אַז „זיין גרויסקייט אַלס ליריקער האָט היינע צו פֿאַרדאַנקען זייער פֿיל זיין יידישע אָפּשטאַמונג, ווייל די שווערע ליידן פֿון די יידן, זייער פֿאַרלאַנג נאָך „ליבע און רו״, זייער „דאָרשט נאָך פֿרייהייט״ און די מלחמה מיט שפּאָט און פֿאַראַכטונג האָבן דעם דיכטערס לידער געגעבן אַ טיפֿערן, שטאַרקערן און רירנדערן אויסדרוק״. באָוושאָוווער האַלט קעגנטייל, אַז היינעס ליד האָט קיין שום שייכות ניט מיט יידן, אָבער זיי קאָנען ציען פּאָליטישע נוצן פֿון דעם פֿאַקט, וואָס היינע איז צווישן זיי געבאָרן געוואָרן. באָוושאָוווער שרייבט:

„דאָס יידישע פֿאָלק דאַרף עס אָבער גאַנץ באַשטימט האַלטן פֿאַר אַן־דערע, דאָס היינע איז געבאָרן געוואָרן פֿון יידישע עלטערן. פֿיינט האָבן יידן אַ סך, און דאַרום וואָס מער גרויסע לייט און זשעניען זיי האָבן צווישן זיך, דאָס בעסער!״

באָוושאָוווער געפֿינט ניט מער אין היינען (ווי אין זיין ליד „ליכט און שאָטן״) קיין זאַך, מיט וואָס איינצושטימען. ווען ער קומט אָבער צו די אַמע־ריקאַנער דיכטער עמערסאָן און וואַלטמאַן, שטרייכט אונטער באָוושאָוווער זיין פֿולע איינשטימיקייט מיט זייערע פֿילאָסאָפֿישע און פּאָליטישע אידייען. ער טוט עס אָבער ניט, ווען ער רעדט וועגן עדווין מאַרקהאַם. מעגלעך דערפֿאַר, וואָס שרייבנדיק וועגן אים אין אַן אַנאַרכיסטישן זשורנאַל, האָט באָוושאָוווער ניט געקענט דערקלערן זיך איינשטימיק מיט די פּאָליטישע אידייען פֿון אַ דיכטער, וועלכן ער שטעלט אַליין פֿאַר די לייענער אַלס סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַלס אַ „מיטגליד פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי״.

פֿאַרגלייכט מען באָוושאָווערס דיכטער־ביאָגראַפֿיעס מיט ווינטשעווסקיס, אַזוי זעט מען דעם גרויסן אידעאָלאָגישן אונטערשייד צווישן זייביידן. פֿאַר באָוושאָווערן זייענען גוט גענוג אפֿילו עמערסאָנס סאָציאַלע אידייען. פֿאַר־קערט, ווינטשעווסקי שטרייכט אונטער אין זיין פֿרייליגראַט־ביאָגראַפֿיע, אַז דער לעצטער „איז ניט געווען קיין סאָציאַליסט. ער איז נאָר געווען דער דיכטער פֿון די באַדריקטע, אונטערדריקטע און אָרעמע, דער פֿרייהייט־זינגער״.

11

באָוושאָווערס לעצטע שאַפונגען

אין דעם אַכטן און לעצטן יאָר פון זיין שאַפן האָט זיך באָוושאָווער דער־נעענטערט צום יידישן טעאַטער. די דערנעענטערונג קומט דורך זיין „שיי־לאָק"־איבערזעצונג, וואָס דערשיינט אין יענעם יאָר אין בוך־פאָרם. דער באַ־רימטער שוישפּילער יאַקאָב אַדלער קויפט אָפּ ביי באָוושאָווערן דאָס רעכט אויפצופירן שעקספּירס פּיעסע אין זיין איבערזעצונג. ס'איז מעגלעך, אַז אַדלער איז דערצו באַוועגט געוואָרן דורך יאַקאָב גאָרדין, וואָס האָט פיל געהאַלטן פון באָוושאָווערס טאַלענט און וואָס זיין וואָרט האָט געהאַט גרויס געוויכט אינעם בעסערן יידישן טעאַטער פון יענער צייט. אויפגעמונטערט דורך זיין ערשטן דערפאָלג אויפן טעאַטראַלן געביט, הייבט אָן באָוושאָווער צו פּלאַנעווען אַ גאַנצע ריי אַרבעטן פאַרן יידישן טעאַטער. ער מאַכט די „אינגיציאַטיוו" (ווי דער ערשטער אָנוואָרף פון אַ פּיעסע האָט דעמאָלט גע־הייסן אינעם יידישן טעאַטער) פון יאַקאָב גאָרדינס „רייזעלע" (אַ באַאַרבע־טונג פון שילערס „קאַבאַלע און ליבע") און פון משה קאַטצס „גדליה דער בעל־עגלה" (אַ באַאַרבעטונג פון הויפּטמאַנס „פורמאַן הענשל")[35]. באָוו־שאָווער האָט אויך געפּלאַנעוועט אַזוינע גרויסע שאַפונגען, ווי אַן איבערזע־צונג פון געטעס „פאַוסט". ער האָט אָבער באַוויזן איבערצוזעצן בלויז אייניקע לידער געטעס.

דעם 6טן אָקטאָבער, 1899, דערשיינט ווידער, נאָך אַן איבעררייס פון פינף יאָר, די אַנאַרכיסטישע „פריינע אַרבעטער־שטימע". באָוושאָווער טרעט דאָרט אַרויס אינעם ערשטן נומער מיט זיין דעקלאַראַטיוון ליד „אַלטע און נייע לידער". ער דערקלערט:

„זיי קלינגען מיר פרעמד יענע אַרבעטער־לידער,
וואָס איך האָב געזונגען און וויל זינגען ווידער,
עס ווילט זיך לעבן, עס ווילט זיך געניסן,
איך וויל מיינע אויגן פונעם עלנט פאַרשליסן,
און מער פון קיין אָרמוט און דחקות ניט וויסן.
עס רופן מיך שטימען פון שענערע וועלטן,
וואו גראָבקייט און אָרעמקייט זעען זיך זעלטן."

לויט דער „פריינע אַרבעטער־שטימע" איז איר רעדאַקציע אָנגעקומען דאָן „גאַנץ שווער", ביז זי האָט באָוושאָווערן „אַביסל אויפגעטרייסלט און גע־מאַכט אים שרייבן דאָס געדיכט פאַרן ערשטן נומער". די ערשטע צייטן פלעגט נאָך באָוושאָווער אַריינקומען אין דער רעדאַקציע פון דער „פ. אַ. ש."‚ וואָס ווייטער פלעגט אים די רעדאַקציע „גאָר זעלטן זען טרעפן, און אָפט אין אַ צושטאַנד פון אַ זאָנדערבאַרער גלייכגילטיקייט". דאָך פאַרעפנטלעכט ער דאָרט נאָך דריי לידער: „פרייהייט" (6טן אָקטאָבער), „אַ געדיכט", אי־

בערזעצונג פון וואָלט וויטמאַן (13טן אָקטאָבער) און דער „פרייהייט־וואַנ־דערער" (1טן דעצעמבער) און צוויי פּראָזע־ווערק „זיין אָדער ניט זיין" (20סטן אָקטאָבער) און „פאַנטאַזיעס" (17טן נאָוועמבער). גלייכצייטיק אַרבעט באָווי־שאָווער אויך מיט אין דעם באַנייטן זשורנאַל „פרייע געזעלשאַפט", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַן אַנדער אַנאַרכיסטישער פראַקציע, וועלכע די „פרייע אַרבעטער־שטימע" האָט באַקעמפט. דאָרט איבערזעצט ער די דע־מאָלט־באַרימטע פּאָעמע „דער מאַן מיטן רידל" פון עדווין מאַרקהאַם, וועגן וועלכן באָווישאָווער האָט אויך געשריבן אַ באַזונדערע עסיי.

באָווישאָווערס לעצטע צוויי לידער פון 1899 „פרייהייט" און דער „פריי־הייט־וואַנדערער" — זיינען דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם. אין דעם ערשטן ליד זאָגט באָווישאָווער פאָראויס, אַז די וועלט וועט סוף־כל־סוף האָבן דאָס, „צו וואָס זי שטרעבט" — „נאָך פרייהייטס זיסן פרידן". ער רופט אָבער ניט, ווי עדעלשטאַט, מע זאָל זיך צו דעם דערשלאָגן דורך אַ באַריקאַדן־קאַמף, דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. פאַרקערט, באָווישאָווער רעדט גאַנץ קלאָר, אַז „די שלעכטע דורות וועלן זיך לאַנגזאַם בייטן". אויך אין זיין צווייטן ליד („דער פרייהייט־וואַנדערער") רופט ניט באָווישאָווער צום קאַמף. ער טרוימט וועגן באַפרייאונג און זעט פאָראויס די צייט, ווען דער שקלאַף וועט זיין „פריי און בראַוו, און שטאַרק און קלוג; ווען ריין און ערלעך ציינט זיך יעדעס געזיכט, און אַלע הערצער זיינען פריי פון טרוג". אַ היפּשער טייל פון באָווי־שאָווערס לאַנגער 28־טראָפּיקער ליד „דער פרייהייט־וואַנדערער" איז אַן אי־בערזעצונג פון זיינע ראָמאַנטישע „פאַנטאַזיעס", אין פּראָזע, פאַרעפנטלעכט מיט צוויי וואָכן פריער. ער שילדערט דאָרט די ראָמאַנטישע געשטאַלטן, וועלכע ער האָט שוין באַזונגען מיט זיבן יאָר פאַר דעם, אין זיין ליד „דער שלאָף". ער זעט ווידער ווי דעמאָלט, ווען ער האָט עס צוערשט געלייענט אין געשיכטע: „יונגע העלדן מיט וואונדערשיינע וואָפן פילן אין זייערע הערצער דעם מוט און די גלוט פון העלדן־טאַטן. נאָך ווייטע לענדער ציען זייערע הערצער און שלאָגן מיט פריידע, דערוואַרטנדיק די צוקונפטיקע מלחמות פאַר רעכט און פאָרשריט".

אין די „פאַנטאַזיעס" עקזיסטירן פאַרן העלד ניט קיין „פאָטער און מו־טער", „נאָר זיין פליכט, זיין לעבנס־אויפגאָבע גליט אין זיינע אָדערן". און דאָס זעלביקע דערציילט אויך באָווישאָווער וועגן זיין „פרייהייט־וואַנדערער":

„עס לעבט פאַר אים קיין טרייער פאָטער ניט,
קיין מוטער לעבט ניט, וועלכע ער האָט ליב,
מער ווי די פרייהייט און זיין פרייער שריט
געהאָרכט ער מיט שטאָלץ זיין אינערלעכן טריב".

דאָס ליד איז אָבער טיפער און שענער, ווי די פּראָזע. ס'איז אין אַ גע־וויסער מאָס זיין „שוואַנען־ליד" און אַנטהאַלט דעם עכטן באָווישאָווער. בעת אין די „פאַנטאַזיעס" זעט באָווישאָווערס יונגער העלד זיין סוף אינעם טויט,

ווען זיין הארץ ווערט שטיין, זעט באָושאָווערס „פרייהייט־וואַנדערער" פאַר זיך אַ באַפרייטע גליקלעכע וועלט:

„און אין זיין גייסט, מיטן פרייהייט־גייסט פאַראייניט,
בליקט ער מיט ליבע אויפן אָרעמאַנס געצעלט;
און מיט די בליקן, וועלכע זיינען נאָך פאַרוויינט
פון פרייד, בענטשט ער מיט פרייד די גאַנצע וועלט".

פאַראַן אויך אין דער ליד באָושאָווערס פערזענלעכע שטימונגען:

„אליין זיין וויל ער אין זיין פרייען שטערבן
פון קיינעם ניט געדריקט, ניט אויסגעלאַכט.
מיד זינקט זיין קאָפּ אַרונטער אויף דער ברוסט,
שטיל זיפצעט ער אין געדאַנקען שטאַרק פאַרטיפט;
אָפט דענקט ער לאַנג פון קינדער־לוסט,
אָפט פון דער וועלט, דאָך — ניט מיט גאַל און גיפט".

אין זיין ערשטן פּראָזע־ווערק אין דער „פ. א. ש." פאַרן 17טן אָקטאָבער, 1899, האָט באָושאָווער געפּרוווט שטעלן קלאָר פאַר זיך די האַמלעטישע פראַגע: „זיין אָדער ניט זיין". ער פילאָסאָפירט דאָרט איבער דעם זינען פונעם לעבן. ער פרעגט: „וואָס טויג דאָס לעבן" און ענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע: „אָבער האָט דען דאָס לעבן ניט קיין ציל?" ער רעכנט אויס די רייכקייט און שיינקייט, וואָס דאָס לעבן האָט צו געבן דעם מענטשן. באָושאָווער לאָזט אָבער אינגאַנצן אויס פון זיינע גריבלערייען די מאָדערנע סאָציאַלע פראַגע. ער דערמאָנט אפילו ניט די אור־אַלטע טענות וועגן דער אומגערעכטיקייט צווישן מענטשן און מענטש א. ד. גל. ער רעדט בלויז אַלס נאַטור־פילאָסאָף און באַווירקט פון וואַלט וויטמאַנס ליבע צו דער נאַטור. ער קומט דאָרט צום אויספיר:

„אָך, ווי אָרעם דער מענטש זאָל ניט זיין, ווי אומאינטערעסאַנט דאָס לעבן זאָל ניט שיינען, ווילט זיך דאָך ניט שטאַרבן! . . ."

דאָס ווירקלעכע לעבן שיינט באָושאָווערן צו זיין „אומאינטערעסאַנט". ער פּלאָנט זיך היימישער אין די ראַיאָנען פון דער פאַנטאַזיע. אינעם ערשטן טייל פון זיין אויבנדערמאַנטן פּראָזע־ווערק, „פאַנטאַזיעס", מאָלט אויס באָושאָווער דאָס ראָמאַנטישע געשטאַלט פון דעם יונגן העלד מיט די „וואונדער־שיינע וואפן" — אַ העלד, וואָס איז „געבאָרן געוואָרן צו שאַפן אַ גרויס ווערק, צו לעבן פאַר אַ גרויסן הייליקן אידעאַל". קיין פּשוטע מאַסן זעט דאָרט ניט באָושאָווער. ער זעט בלויז „אייביק־געליבטע, אייביק־שיינע, אייביק־געטלעכע העלדן־געשטאַלטן".

אינעם צווייטן טייל פון זיינע „פאַנטאַזיעס" אַנטלויפט באָושאָווער אינגאַנצן פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין יענער צייט. ער וואַנדערט אַרום אינעם צויבער־וואַלד פון די מי־

טאָלאָגיע, וואו ער זעט „פּרויען־געשטאַלטן אין די קליידער פון דער נאַטור", דעם נאַטור־גאָט און „קליינע מענטשן! — ענלעכע וועזן מיט אויערן לאַנגע, לאַנגע, דינע פינגער", און „קליינע ליבעס־געטער מיט פייל און בויגן לויפן אַרום זיי, שפּילן זיך מיט יונגע פרויען און ווילן זיי פאַרוואונדן". די דאָזיקע „פאַנטאַזיעס" האָבן אָבער לאַנג ניט געקאָנט פאַרבייטן די ווירקלעכקייט פונעם לעבן, וואָס איז פאַר באָוושאָווערן געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער און האָט פאַרשנעלערט זיין טראַגישן סוף.

12

די צוויי פּעריאָדן פון באָוושאָווערס שאַפן

יוסף באָוושאָווער הייבט אָן פאַרעפנטלעכן זיינע לידער אין עלטער פון 19 יאָר. (מיט 4 יאָר יינגער ווי עדעלשטאַט, מיט 5 יאָר — ווי ראָזענפעלד, און מיט 8 יאָר — ווי ווינטשעווסקי אַלס דיכטער אין יידיש). יוסף באָווּשאָווער האָט ניט פון אָנהייב פון זיין שאַפן די ברייטע פּאָליטישע קולטור פון מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט שוין אין 1884 געהאַט הינטער זיך אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. ער האָט ניט דעם עלעמענטאַרן וואולקאַנישן טעמפּעראַמענט פון מאָריס ראָזענפעלדן; ער איז אויך ניט געווען באַווירקט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און ליטעראַטור ווי דוד עדעלשטאַט. באָווּשאָווער ברענגט אָבער מיט זיך פון ריגע אַ באַהאַוונטקייט אין דער דייטשישער פּאָעזיע. ער קען אויך אויף אויסווייניק היינען; דערצו טרעפט ער שוין ביי זיין אָנקומען אין אַמעריקע אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע יידישע פּרעסע אין אַ גוטער יידישער שפּראַך. אַחוץ די דריי פּאָפּולערע דיכטער פון ענגלאַנד און אַמעריקע דרוקן זיך אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע אויך די דריי קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און אַ גאַנצע ריי אַנדערע דיכטער און פּראָזאַאיקער. עס ווערן דאָרט אויך פאַרעפנטלעכט די יידישע איבערזעצונגען פון די מייסטערס פון דער רוסישער, פראַנצויזישער און דייטשישער ליטעראַטור. באָווּשאָווער ווייסט דעריבער קיינמאָל ניט פון דער אומבאַהאָלפּנקייט פון ראָזענפעלדן, וואָס האָט ביים אָנהייב פון זיין שאַפן, אין מיטן פון די 80ער יאָרן, ניט געוואוסט אפילו דעם אלף־בית פון דער פּאָעטישער טעכניק.

באָווּשאָווער טרעט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור שוין פון אָנהייב אָן אַלס אַ געשולטער דיכטער. שוין זיינע ערשטע לידער זיינען געשריבן אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק גוטן יידיש.

צוערשט פילט זיך באָווּשאָווער ווי אַ נאָכפאָלגער פון די דריי רעוואָלוציאָנערע דיכטער פון די 80ער יאָרן. געפינענדיק זיך אין אַנאַרכיסטישן קרייז, איז ער, באָווּשאָווער, באַזונדערס באַווירקט פון עדעלשטאַטן; ער זינגט נאָך עדעלשטאַטס טעמעס, באַנוצט ציטאַטווייז אויך די נעמען פון עדעל־

שטאַטס לידער כאָטש ער טראָגט אָפּט אַריין אין זיי אַ נייעם אינהאַלט. באָוושאָווער שרייבט דעמאָלט טרערנלידער, דידאַקטישע לידער, סענטימענטאַלע דערציילונגען א. ד. גל. וואָס ווייטער אָבער גייט באָוושאָווער אָפּ אַלץ מער פון די ליטעראַרישע טראַדיציעס פון ווינטשעווסקין, ראָזענפעלדן און עדעלשטאַטן. ער פאַרבייט זיי אויף עמערסאָנען, וויטמאַנען און מאַרקהאַמען. און ווען באָוושאָווער שרייבט וועגן דעם לעצטן, גיט ער אפילו אַ שטאָך זיינע אַמאָליקע יידישע מייסטערס. ציטירנדיק עדווין מאַרקהאַמס ליד „דער מאַן מיט דער גראַבליע", וואו דער אַמעריקאַנער ענגלישער דיכטער דראָעט „די הערשער פון דער וועלט" מיט דער דערוואַכונג פונעם „אַרבעטער־שקלאַף" און מיט די שטורעמווינטן פון דער רעבעליאָן" (רעוואָלוציע), באַמערקט דערביי באָוושאָווער:

„אָט אַזוי פאַסט אַ גרויסער דיכטער אויף די גרויסקייט פון דער אַרבעטער־פראַגע. מיט אַזאַ היץ, אין אַזאַ שטאַרקן טאָן, אַזוי גליענד הייס, מיט אַזאַ שוואונג פון שפּראַכע און פערז רעדט אַ גרויסער דיכטער פון דעם אַרבעטער, פון דער צוקונפט, פון די הערשער און קעניגע פון דער וועלט. ווי פאַרשידן, ווי ווייט עס איז פון די געוויינלעכע קרעכצנדיקע און יאָמערדיקע לידלעך פון די זאָגענאַנטע אַרבעטער־פּאָעטן!"

אונטער דער ווירקונג פון עמערסאָן און וויטמאַנען שרייבט באָוושאָווער זיין פילאָסאָפישע פּאָעזיע וועגן נאַטור און וועלט־אַל, וועגן מענטש און מענטשהייט. ער פאַרהאַלט זיך אויך צו אָט די דריי אַמעריקאַנער דיכטער מיט מער רעספּעקט, ווי צו זיין ערשטן באַליבטן וועלט־דיכטער היינע. דעם ערשטן קריטיקירט ער און וואָרנט וועגן אים זיינע לייענער, ווי אויבן דערמאָנט, אַז „דער אַלגעמיינער איינדרוק, וועלכן היינע מוז און וועט מאַכן אויף דער יוגנט, איז ניט קיין גאַנץ געזונטער". פאַרקערט, די דריי אַמעריקאַנער דיכטער באַטראַכט באָוושאָווער כמעט אָן קריטיק, און בנוגע די ערשטע צוויי אידענטיפיצירט ער זיך אויך מיט זייערע פילאָסאָפישע און פּאָליטישע אידייען. ער פאַרגלייכט עמערסאָנען מיט געטען און שטרייכט אונטער, אַז זיינע לידער זיינען „זייער געזונט" און מאַכן „אַ זייער געזונטן איינדרוק". דעם זעלביקן אַטעסטאַט גיט באָוושאָווער אַרויס אויך וויטמאַנען: „אַלע זיינע ווערק זיינען זייער געזונט" און מאַרקהאַמען: „אַזעלכע פּאָעטן — — — קאָנען איינפלאַנצן געזונטהייט" [36].

אין זיין ערשטן פּעריאָד איז אָבער באָוושאָווער מער פון אַלץ געווען באַווירקט פון די דריי עלטערע רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער פון יענער צייט. באַזונדער פון עדעלשטאַטן, וועלכן ער האָט אויפריכטיק באַקלאָגט נאָך יענעמס פרייצייטיקן טויט. אין יענעם פּעריאָד געהערט באָוושאָווער צו די טרערן־דיכטער און ער שטרייכט אַליין אונטער, אַז אין זיינע לידער איז „יעטווידער אות אַ טרער". אויך זיין פּראָזע פון יענער צייט איז דורכגעדרונגען פון טרערן און ער שטייגט אָפּט אַריבער אין זיין געוויין אַלע דריי

פריערדיקע דיכטער צוזאַמען גענומען.

באָוושאָווערס פּראָזע פון יענער צייט צייכנט זיך אויס מיט רעאַליסטישע שטריכן פון מענטשן און זאַכן. זי איז אויך דורכגעדרונגען מיט פּלעבעאישע שנאה צום „באָס“, וועלכן ער, באָוושאָווער, שילדערט דעמאָלט טראַפּערעטיש, שאַבלאָניש: „אַ רויטער, אָפּגעפרעסענער, פאַרטרעמפּעוועטער (זיך אַרומ־שלעפּנדיקער) דבר־אחר“, „אַ נידעריקע בריאה“ מיט אַ „חזירשע צורה“ און מיט „קליינע פאַרשיכורטע אויגעלעך“.

פון די ערשטע דריי דיכטער נעמט אויך איבער באָוושאָווער דאָס בילד פון דער „פרייהייט־געטין“, וועלכע ער שילדערט אַלס „אַ מלאך, אַ הימל־שער וועזן, נאָך עטוואָס העכערעס“ — „געטלעך“ — „אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייסן קלייד מיט דער רויטער בלום אויפן ברוסט“. אין יענער צייט איז ער פול מיט ענטוזיאַזם. ער שטעלט פאָר ווי פון זיין „זייער הייסן האַרצן“ גיסן זיך „וואַרעמע געפילן גלייך ווי זונען־שטראַלן“ און דערוואַרעמען „די פאַר צרות דערפראָרענע“. ער שיקט דעמאָלט פאַנאַנדער דורכן ווינט „הייסע ווערטער“ — פלאַמען־ווערטער“, וואָס זאָלן מאַכן זידן דאָס בלוט, וואָס איז „פאַרפראָרן“ אין די הערצער און אויפוועקן דאָרט דעם „פרייהייט־פלאַם“.

אין זיין צווייטן פּעריאָד, וועלכן ס'איז שווער אָפּצוגרענעצן גענוי און זיכער פונעם ערשטן פּעריאָד, ביז האָבנדיק פעסטגעשטעלט גענוי די דאַטעס פון אַלע זיינע ווערק (מחמת מאַנגל אין צייטשריפטן פון יענער צייט), גייט אָפּ באָוושאָווער פון די פּיאָנערן פון דער רעוואָלוציאָנערער ליד אין יידיש און ער זוכט אָנשליסונג אָן די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור (טעאָ־רעטיש זאָגט זיך אָבער באָוושאָווער ניט אָפּ פון דעם „טרערן־ליד“. אין זיין עסיי „וועגן פּאָעזיע“ שטעלט ער פאָר, ווי אַזוי דער דיכטער, בעת ער באַ־טראַכט דעם „אייביקן פּילגער־צוג“ — „פון וויגעלע ביז צום קבר“ — „צי־טערט זיין גייסט מיט דעם געפיל פון אַ נביא, זיפצן רייסן זיך אַרויס פון זיין האַרץ, און ער וויינט, — וויינט מיט טרערן פון ליבע, טרערן פון איבער־פליסנדע געפילן, טרערן פון האָפענונג און טרערן פון אַנטציקונג“). אויך אין זיין צווייטן פּעריאָד, — „כאָטש באָוושאָווער איז שוין דאַן ניט געווען דער אַמאָליקער פאַרברענטער ענטוזיאַסטישער פרייהייט־זינגער“ [25] — בלייבט ער דאָך צום גרעסטן טייל אַ ראַדיקאַלער דיכטער. און אפילו אין זיינע לעצטע לידער, געשריבן פאַרן אונטערגאַנג פון זיין ליכטיקן פאַרשטאַנד, ווען ער „איז שוין דאַן געווען גאָרניט אין שלום מיט זיך זעלבסט“ און „אַ שטאַרקער קאַמף איז אין אים פאָרגעקומען“ [25], בליקט דאָך יוסף באָוושאָווערס גייסט „מיט ליבע אויפן אָרעמאַנס געצעלט“ און שטרעבט נאָך דער „מאַכט צו שיקן די ליכט פון פרייהייט דורך דער וועלטן־נאַכט“.

באָוושאָווער אונטערשיידט זיך אין אָט דעם פּעריאָד פון די ערשטע דריי דיכטער אויך מיט דעם, וואָס ער לעבט נאָר אין אַ וועלט פון חלומות. ער ווייזט ניט אַרויס די מינדסטע אינטערעסן פאַר די קאָנקרעטע פּראָבלעמען פונעם פּאָליטישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער ווייזט ניט אַרויס קיין שום

אינטערעס אפילו פאַר דער וואַקסנדיקער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור פון זיין צייט. אין אַמעריקע האָבן זיך דעמאָלט געדרוקט די יידישע קלאַסיקער פון רוסלאַנד. י. ל. פרץ איז דעמאָלט געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פרעסע. אין דער יידישער פרעסע זיינען פאָרגעקומען שטורעמדיקע שטרייטן וועגן דעם יידישן אַרבעטער־ליד, וועגן יידישן טעאַטער, פאַר און קעגן די פיעסן פון יאַקאָב גאָרדין, מיט וועמען באָוושאָווער איז געווען פערזענלעך באַקאַנט [3]

אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען גרויסע קאַמפן, וואָס האָבן אויפגערודערט די יידישע אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט גענומען גאָר אַ גרויסן אָנטייל אין אָט די פאַרביטערטע קאַמפן. די גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער טרייד־יוניאָן אַליאַנץ (די „עלייענס"), אין אָפּאָזיציע צו דער קאָנסערוואַטיווער „אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר", די שפּאַלטונג אין דער „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי", די גרינדונג פון נייע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען, צווישן זיי די דעמאָלט אָפּאָזיציאָנעלע טעגלעכע יידישע צייטונג „פאָרווערטס" און דער אָפּיציעלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער חודש־זשורנאַל („די נייע צייט"), וועלכער האָט אויך פאַרעפנטלעכט באָוושאָווערס אַ ליד. עס ווערט דעמאָלט אויך געפירט אַ פאַרביטערטער קאַמף פאַר און קעגן ציוניזם. די יידישע מאַסן מאַכן דעמאָלט דורך אַן עפּאָכע פון „שטורעם און דראַנג".

באָוושאָווער אָבער בלייבט גלייכגילטיק צו אָט די אַלע געשעענישן, וואָס שטורעמען אַרום אים. ווען ער רעדט פאַר די בעסערע יידישע לייענער וועגן פּאָעזיע, ברענגט ער ניט פאַר זיי אפילו דעם מינדסטן מוסטער פון דער יידישער פּאָעזיע, כאָטש אַזעלכע מוסטערן זיינען שוין דעמאָלט אין איר געווען [37]. אין זיינע עסייען און פאַנטאַזיעס איז באָוושאָווער באַשעפטיקט מיט זיך אַליין, און וואָס ווייטער, ווערט ער אַלץ אַבסטראַקטער, אפילו ווען ער רעדט וועגן פרייהייט און מענטשהייט. זיינע פרייהייט־קעמפער זיינען ניט קיין קאָנקרעטע געשטאַלטן. אַחוץ היינען, דערמאָנט ניט באָוושאָווער קיין רעוואָלוציאָנערן דיכטער, אפילו ניט שעלין, וועלכנס געוואוינהייט ער האָט געשטרעבט נאָכצוטאָן אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן [5]. די באָמעגלאָזע העלדן, וואָס באָוושאָווער באַזינגט, זיינען ראָמאַנטישע ריטער־געשטאַלטן. זיי געהערן ניט צו די אָנטיילנעמערס אין די פויערים־רעוואָלוציעס און אויך ניט צו די אַרבעטער־העלדן פון דער פאַריזער קאָמונע (וועלכע באָוושאָווער דערמאָנט קיינמאָל ניט). לויט דעם ווי ער שילדערט זייער אויסזען און זייערע וואָפן זיינען באָוושאָווערס ראָמאַנטישע העלדן אַלטערטימלעכע קרייצפאָרער־ריטער, ווי באַזונגען פון פּעטראַרקאַן.

אויך אין זיין ערשטן פעריאָד איז באָוושאָווער ניט געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי דאָס זיינען געווען ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט. ער דערמאָנט ניט אין ערגעץ קיין וואָרט וועגן אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן. אפילו אין זיין קאָנקרעטסטער רעוואָלוציאָנערער ליד „אַ

געזאַנג צום פאָלק". וואו ער רופט דאָס פאָלק „אויסצושטרעקן די הענט די „פאַרדאַרטע" און צו נעמען די „געירשנטע אוצרות", די „פירות" פון זיין אַרבעט, איז ניטאָ דער זיכערער טאָן פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער, ווי אין ראַזענפעלדס „פרייהייט־סאָלדאַטן", וועלכע דערקלערן שטאָלץ: מיר „רופן זיך ניט מער „די שוואַכע" — — — מיר קומען מיט פעסטע כלי־זיין פאַרזען — — — פאַראויס גייט אונדז מאַרקס מיט זיין מעכטיקער פען — — — אַ, ציטערט איר, שטאָלצע מאַגנאַטן!"

פון דער אַנדער זייט איז אָבער אויך באָוושאָווער, אַזוי ווי די דריי רעוואָלוציאָנערע דיכטער פאַר אים, געווען פאַרליבט אין דער „פרייהייט". ער איז אויך געווען זיכער, אַז די וועלט בענקט „נאָך פרייהייטס זיסן פרידן" און „דער וועלט־אורטייל איז פאַר איר אַנטשידן" („פרייהייט"). באָוושאָווער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער ציל וועט דערגרייכט ווערן דורך אַ „שווערן קאַמף פאַר רעכט און פרייהייט".

ניט געקוקט אויף זיין דיכטערישן טעמפעראַמענט און אויף דעם גאַנצן פאַטאָס פון זיינע לידער, איז באָוושאָווער ניט געווען קיין קעמפערישע נאַטור, ווי דאָס זיינען געווען אַלע דריי עלטערע דיכטער. אינעם אָנהייב פון זיין שאַפן, אינעם עלטער פון איין־און־צוואַנציק יאָר איז באָוושאָווער געווען גרייט „דאָרט זיצן — — וואו שווערטער בליצן" („דער שלאָף"). ער איז דעמאָלט אויך גרייט געווען צו גיין מיטן ביקס אויף באַריקאַדן („נאָך היינ־ריך היינע"). שפּעטער אָבער פאַרלירט באָוושאָווער יעדע קאַמף־לוסטיקייט. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט באָוושאָווער אַ ליד אויף דער זעלביקן טעמע און מיט דעם זעלביקן נאָמען („מיין לעצטער וואונטש") וואָס עדעלשטאַט, און דאָרט זעען מיר טאַקע דעם שאַרפן אונטערשייד צווישן זיי ביידן. דער קעמ־פערישער עדעלשטאַט ווינטשט צו „באַגעגענען דעם טויט אויפן שלאַכטפעלד" אינעם קאַמף פאַר דער פרייהייט, צו פאַלן מיט דער פאָן און מיטן וואָפן אין דער האַנט. דער פאַציפיסטישער באָוושאָווער אָבער ווינטשט „דעם טויט מיט פאַרגעניגן באַגעגענען" אין אַ באַפרייטער וועלט, וואו ער וועט „זינגען אַ ליד" (ניט צו דערמוטיקן דעם קאַמף אָדער באַזינגען דעם זיג, נאָר) „צום געזעגענען", ביז וואַנען זיין האַרץ וועט „פאַר שמחה צעגיין" און עס וועט אים „באַוויינען די פרייהייט אַליין".

אין קעגנזאַץ צו די דריי רעוואָלוציאָנערע דיכטער פאַר אים האָט באָוו־שאָווער זיך קיינמאָל ניט באַטייליקט אין קיין עקאָנאָמישן אָדער פאָליטישן קאַמף. ער האָט אויך מיט קיינעם ניט געפירט קיין פּאָלעמיק, ווי יענע דריי. באָוושאָווער האָט געשטרעבט נאָך רו. זיין אידעאַל איז געווען דאָס רואיקע זאָרגלאָזע לעבן פון די, וואָס לעבן פון גרייטן — „רו, פרידן, הרחבה, געזונט, קערפּערלעכע און גייסטיקע לעבנס־פרייד", ווי ער שילדערט עס אין זיין פּראָזע־שריפט „צו וואָס די גרויסע שטאָט". אויך אין זיין ליד „צום פאָלק" רופט ניט באָוושאָווער צום קאַמף צו מאַכן דאָס לעבן בעסער און שענער אין דער גרעסטער שטאָט. פאַרקערט, ער רעדט דאָרט ווי זשאַן זשאַק רוסאָ

מיט איבער הונדערט יאָר פריער און ווי די אַמעריקאַנער נאַטוראַליסטן אין זיין צייט:

„לאָזט הינטער זיך דעם רעש און די זינד,
און קערט זיך אום צו דער נאַטור צוריק.
פאַרשפרייט זיך אויף דער שיינער ברייטער ערד
און בויט זיך שטעטלעך ריין, און קליין, און רייך".

באָושאָווער רעדט ניט ווי די דריי פריערדיקן רעוואָלוציאָנערע דיכ־טער, וועגן „דער ברענענדער פראַגע", וואָס ווערט „אַרבעטער־פראַגע" גע־נאַנט", ער רעדט אויך ניט וועגן לעצטן סטרייק א. ד. גל. קאַמף־מיטלען. באָושאָווער רעדט וועגן דער צוקונפט געוויינלעך אין אַ ביז גאָר אַבסטראַקטן טאָן: אַלע אונטערדריקטע וועלן זיך פאַראייניקן, ווערן „איין נאַציע" אונ־טער דעם נאָמען „מענטשן", וועלן זיך דערהייבן קעגן זייערע אונטערדריקער און זיגן. און באַלד „ווי דאָס אָרעמע פאָלק" ווערט פריי, פאַרוואַנדלט זיך די ערד אין אַ גן־עדן:

„קירכן, פּאַלאַצן, געריכטהייזער, טורמעס זיינען צוזאַמענגעפאַלן מיט אַ גוואַלטיקן קראַך און אונטער זייערע חורבות זיינען באַגראָבן די, וואָס האָבן אַזוי לאַנג און אַזוי באַרבאַריש געמאַטערט דאָס אָרעמע פאָלק, די אין שקלאַ־פערייַ זייט טויזנטער יאָרן פאַרזונקענע מענטשהייט האָט זיך באַפרייט, באַלד האָט זיך די ערד פאַרוואַנדלט אין אַ גן־עדן מיט שיינע הייזלעך, גערטנער, לאָנקעס, טייכלעך און אין דיזן גרויסן וועלט־גן־עדן האָבן אַריינגעשפּאַצירט מיינע ברידער" („אויס מיין טאָג־בוך").

די דאָזיקע פּראָזע, זעט אויס, האָט באָושאָווער געשריבן אַ סך פריער ווי זיין אויבן־ציטירט ליד „צום פאָלק". באָושאָווערס אידעאַל איז אָבער איןביידע ווערק דער זעלביקער: פון איין זייט דער אונטערגאַנג פון דער גרויסשטאָט, וואָס איז ביי אים פּערזאָניפיצירט, אַזוי ווי די מלוכה בכלל, דורך „קירכן, פּאַלאַצן, געריכטהייזער, טורמעס". פון דער אַנדער זייט דער ווידער־אויפבוי פונעם „פאַרלאָרענעם גן־עדן", פונעם קליינעם שטעטל מיט די „הייז־לעך, גערטנער, לאָנקעס, טייכלעך". קיין פאַבריק, קיין סאָציאַליסטיש־אָר־גאַניזירטע גרויס־פּראָדוקציע זעט ניט באָושאָווער אין זיין צוקונפטיקער פרייער געזעלשאַפט. ער זעט דאָרט אויך ניט קיין אַרבעטער ביי דער מאַ־שין, נאָר בלויז „אַרומשפּאַצירנדיקע ברידער".

ווי אויבן־דערמאָנט ליבט באָושאָווער די פרייהייט־געטין און חלומט וועגן איר. ער רעדט וועגן פרייהייט און פרייהייט־קעמפער. אין קיין אָרט האָט באָושאָווער אָבער ניט אַזוינע קאָנקרעטע ווערטער, ווי זיינע דריי רעוואָלו־ציאָנערע פאָרגייער האָבן וועגן אָרגאַניזירן זיך צום קאַמף, וועגן צוגרייטן זיך, מושטירן זיך, פאַראייניקן זיך. ער איז דורך און דורך אַבסטראַקט. דאָס פילט זיך אויך אין זיין לעקסיק. אין באָושאָווערס לידער, צום ביישפיל, גע־פינט זיך דריי מאָל ווייניקער ווי ביי עדעלשטאַט דאָס וואָרט „אַרבעטער",

זעקס מאָל וויניקער דאָס וואָרט „פאָלק" און זעכצן מאָל וויניקער די עפּי־טעטן „שקלאַף" און „קנעכט". באָוושאָווער באַנוצט אויך ניט, ווי די פּיאָ־נערישע אַרבעטער־דיכטער פאַר אים די ווערטער „פּראָלעטאַריער", „קאַ־פּיטאַליסטן", „קלאַסן" א. ד. גל. ער האָט אויך אַ סך וויניקער המונישע אויסדריקן ווי יענע.

אין זיין צווייטן פּעריאָד (אין זיין עסיי „געדאַנקען און באַטראַכטונגען") פילאָסאָפירט באָוושאָווער וועגן לעבן און מענטשן ווי אַן עסטעטיזירנדיקער אינדיווידואַליסט. ער פילאָסאָפירט, צי ס'איז גוט צו „זיין ווי אַלע מענטשן?" און ער פרעגט זיך: „ווי זאָל איך פּריער זיין, ווי דער טרעמפּ (אַרומשלעפּער), דער שופט (אויסוואורף), דער שכור, דער אַרבעטער, אָדער ווי דער רייכער ליידיקגייער, אָדער ווי דער שנאָרער?" ער אָריענטירט זיך שין דאָ ניט מער בלויז אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן און אויף דער אָרעמשאַפט. די קלאַסן קעגנ־זאַצן פאַרשווינדן אינגאַנצן פון זיין געזיכט־קרייז. ער זעט דעם ציל פון דער העכערער פּאָעזיע, אין דעם, וואָס זי קאָן „דערפרישן די פאַרוועלקטע און פאַראָרעמסטע הערצער פון די אָרעמע, און אפשר פון די רייכע אויך" (אין זיין עסיי וועגן עדווין מאַרקהאַם).

* * *

באָוושאָווער איז געווען אַ פלייסיקער לייענער; „ער האָט בוכשטעבלעך געשלונגען ביכער און — — — מיט גרויס ליבשאַפט געלייענט אַלץ, וואָס פלעגט נאָר דערשיינען דאָ, אָדער אָנקומען אין יידיש" — אַזוי דערציילט זיין באַעקאַנטער פריינט מ. ב. מייזעל (זע אַנמערקונג 5). אין באָוושאָווערס ווערק איז אָבער ניטאָ די מינדסטע אָנדייטונג, אַז ער האָט אַ חוץ עדעלשטאַטן, גע־האַלטן פון וועלכן ס'ניט איז יידישן שרייבער. לויט ד״ר קאָהן (זע אַנמערקונג 3) האָט באָוושאָווער געהאַלטן פאַר די גרעסטע געניעס פון אַלע צייטן: ישעיה, האָמער, דאַנטע, שעקספּיר, געטע, היינע. פון די אַמעריקאַנער דיכ־טער זיינען אים געווען באַליבט: עמערסאָן, וויטמאַן, פּאָ און מאַרקהאַם[38]. עס איז אויך זיכער, אַז ער האָט די אַלע דיכטער געלייענט. ישעיהן פאַראַ־פראַזירט באָוושאָווער אין זיין ליד „דער געניוס פון דער מענטשהייט". וועגן האָמערס „איליאַדע" און „אָדיסייע" און וועגן דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" רעדט באָוושאָווער מיט באַגייסטערונג אין זיין עסיי „וועגן פּאָעזיע". אַ דראַמע פון שעקספּירן און לידער פון געטען, היינען, עמערסאָנען, וויטמאַנען און מאַרקהאַמען האָט באָוושאָווער איבערגעזעצט אָדער איבערגעדיכטעט. מעג־לעך, אַז זיין געזאַנג צו דער מעלאַנכאָליע („מיין פריינדין") איז באַווירקט פון פּאָ. עס איז אָבער ביי באָוושאָווערן, און אויך אין די באַשרייבונגען וועגן אים פון זיינע באַקאַנטע, ניטאָ קיין שום אָנדייט, אַז ער האָט, ווי די ערשטע דריי דיכטער, געהאַלטן שטאַרק פון וועלכן ניט איז סאָציאַלן דענקער. אָבער אין זיין ליד „פרידן" הייסט באָוושאָווער דעם פאָלק אויפנעמען די „וויסן־ביכער", וואָס וועלן „מיט דער וואָרהייט" אים באַלערן:

„דאָס פרידן מיינט יענע רייען,
וואו עס גיט קיין צוויי פּאַרטייען —
פון געדריקטע און פון רייכע —
נאָר פון פרייע מענטשן, גלייכע . . .
גלייכע אין פּראָדוקטן שאַפן,
ניט פון הערן און פון שקלאַפן.
גלייכע אין געניסן אַלעס,
סיי אין רייכקייט, סיי אין דלות" [39].

אין זיין ערשטן פּעריאָד איז באָוושאָווער געשטימט אַטעאיסטיש. אין זיין ליד „ליכט און שאָטן“, געשריבן סוף 1892 אָדער אָנהייב 1893 (באַלד 37 יאָר נאָך היינעס טויט), דערקלערט באָוושאָווער, אין היינעס נאָמען: „קיין גאָט איז ניטאָ און קיין טייוול“. אויך אין זיין ליד „צום גלויביקן“ דערקלערט ער אַזוי דרייסט, ווי עדעלשטאַט, „צו די גאָטפּאָרכטיקע בירגער“, אַז אין גאַנצן וועלטן־רוים“ איז פון גאָט ניטאָ „קיין שפּור“, ווייל דער „גאָר־נישט“ האָט קיין פּלאַץ אין דער נאַטור“. שפּעטער אָבער, אין זיינע „געדאַנקען און באַטראַכטונגען“ הייבט ער אָן צו פילאָסאָפירן אַגנאָסטיציסטיש, צי „איז גאָט געווען אין אָנפאַנג?“, צי „האָט דער געדאַנק, דער גייסט פון אַ שעפּער געלעבט אויסער דער מאַטעריע?“, צי „האָט דער שאַפונג־גייסט פון אַ גאָט געקאָנט לעבן אויסער דער נאַטור, אויסער די אַלע שטאָפן, פון וועלכע די נאַטור באַשטייט?“ זיין אַטעאיזם ווערט אַזוי־אַרום דורכגעריסן, און די אידייע פון אַ גאָט הייבט אָן פאַרנעמען זיין געדאַנק.

אין אַן אַנדער פּראָזע־שריפט „אויס דעם טאָג־בוך פון אַ שטילן מענטשן“, וואָס זעט אויס צו זיין געשריבן אין זיין צווייטן פּעריאָד, אַלס קעגנגעוויכט צו זיין רעוואָלוציאָנערן „אויס מיין טאָג־בוך“ (אַלס אַרבעטלאָזער אַרבעטער) אינעם ערשטן פּעריאָד, גיט איבער באָוושאָווער זיינע נייע שטימונגען מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„פרוס, ווי אויף דעם קבר פון אונדזערע אור־עלטערן, פון די פּאַטריאַרכן פילט זיך מיין געמיט!" — — — „איך זע פאַר זיך פּאַלמען, אַראַבער, קעמלען און קברים פון די פּאַטריאַרכן און „אַ זיסע רואיקע שטיל־קייט פאַרוויגט מיין האַרץ" [40].

אין זיין צווייטן פּעריאָד רירט באָוושאָווער קיינמאָל ניט אָן די יידישע רעליגיע. אויך פריער האָט באָוושאָווער בכלל באַקעמפט די רעליגיע בלויז פילאָסאָפיש. קאָנקרעט האָט ער אַ חוץ אין זיינע לידער „ליכט און שאָטן“ (דער שפּאַציר מיט היינען) און „ציט שטאַרקער די סטרונעס“ באַקעמפט בלויז די קירך, אָבער ניט די סינאַגאָגע, ווי דאָס האָבן געטאָן די ערשטע דריי רעוואָלוציאָנערע דיכטער. באָוושאָווער האָט אויך קיינמאָל ניט באַקעמפט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און אפילו ניט דעם ציוניזם, וועלכן אפילו

דער וואקלדיקער ראָזענפעלד האָט דעמאָלט, אין די נײַנציקער יאָרן, אויס־געלאַכט. פאַרקערט, זײַן פּיעטעט פאַר „דעם קבר פון אונדזערע אור־על־טערן די פּאַטריאַרכן“; זײַנע ווערטער אין „די קלאָגע פון דעם פּאַטריאַרך“ (אויפן שטייגער פון צונזער און גאָלדפאַדן) — „וואו זײַנען מײַנע קינדער?“ — „אין אײַערע לענדער וואָלט איך אײַך וועלן זען אונטער פײַגנבוימער“ קאָנען אויסגעטײַטשט ווערן ווי ניט־אויסגעלעבטע בענקשאַפט נאָכן „לאַנד פון די אָבות“, אָדער, ווי דאָס הייסט ביי אים, „קברים פון די פּאַטריאַרכן“, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער רעדט דאָרט ווי אַ וועלט־בירגער, אָדער גע־נויער, ווי „אַ נביא פאַר די פעלקער“.

* * *

אַלס דערשײַנונג פון דעם זעלביקן מין — אַלס אַן אויסדרוק פון בענק־שאַפט נאָך דער פּאַטריאַרכאַלישער פאַרגאַנגענהייט דאַרף אויך באַטראַכט ווערן באַוושאָווערס ביבליזירטע שפּראַך. באַוושאָווערס לידער און פּראָזע אַנטהאַלטן אַ סך ביבלישע אויסדרוקן און אפילו גאַנצע פּסוקים. ער דיכטעט אויך איבער שטיקער תנ״ך אין ליד און אין פּראָזע. זײַן האַרפע זײַנען „כרובים־קלאַנגען“, און די פרילינג־לופט שמעקט אים „ווי בשמים פון דעם הר הזיתים“ („פרילינג־לוסט“). די אַדע, — דערקלערט באַוושאָווער פאַר אַן אָרט „כרובים־געזאַנג“ און די מענטשלעכע געדאַנקען אין דער פּאָעזיע פון ליידן, שילדערט ער, „ווי אַלטע ווערבעס — — — ביי די טײַכן פון אונדזערע טרערן“ („וועגן פּאָעזיע“). זײַן פאַנטאַזיע שוועבט אַרום, ווי „די טויב פון נחס תיבה“ („געדאַנקען און באַטראַכטונגען“). זײַן קעמפער ווייס, אַז „קיין נײַס פּאַסירט ניט דאָ, אונטער דער זון, און ער זעט, ווי „עס פלאַקערט אין דאָרן די „גבורה“ פון גאָט“ („הערבסט־בלומען“). זײַנע העלדן גייען אין קאַמף, אַזוי ווי אין דער ביבל מיט „פאַנצער און שפּיז“ א. ד. גל. ער באַ־נוצט אויך תלמודישע ווערטלעך: „גלויב אין זיך ניט ביז דײַן ענדע“ („צום אַנדענקען פון ד. עדעלשטאַט“), „אַלץ איז צום גוטן“ („די נײַע תורה“) א. אַנד.

די ווירקונג פון תנ״ך, פון די נביאים, פילט זיך אויך אין זײַנע משלים און נאָך מער אין זײַן פּאַטאָס, אַ שטייגער אין זײַן ליד „די רעוואָלוציאָן“, „צום פאָלק“ א. ד. גל. אַמאָל איבערזעצט ער דירעקט די רייד פון די נביאים, ווי ער טוט עס אין זײַן ליד „דער געניוס פון דער מענטשהייט“:

„ווי אײַך, ווי אײַך, אונטערדריקער!
הערט מײַן וואָרט, עס איז דאָס העכסטע!
איך פאַרלאַנג פון אײַך קיין קרבן
מיט פּינצטערע געדאַנקען! . . .
אײַערע זיסע אָפּפער־ריחות
עקלען מיך ווי מאָרד־געשטאַנקען“.

די „קלאָגע פון דעם פּאַטריאַרך (צו זײַנע קינדער)“ אינעם צווייטן קאַ־

פיטל פון זיינע „געדיכטע אין פּראָזע״, — שרייבט באָושאָווער אינגאַנצן אינעם סטיל פון די נביאים:

„איך הער אייערע לידער קלינגען און וויינען מיט ביטערע טרערן. אין אייערע לענדער וואָלט איך אייך וועלן זען, אונטער פייגן־ביימער, צווישן גרינע לאָנקעס, פּאַסטוכער, אַרבעטער. דאָך איך זייט דאַר און אויסגעמאָ־גערט, אויסגעטריקנט זייט איר ווי די שאָף, וואָס הונגערט אין אַ צייט פון טריקעניש און נויט.

„אויסגעזויגן האָבן אייך די פאַלשע הערשער אַלע; פון אייער בלוט און פלייש האָבן זיי קליידער זיך געמאַכט, און צירונג און בריליאַנטן. מיט אייערע עלטערנס גלידער האָבן זיי די גאַסן אויסגעברוקירט.

„וואו זיינען יעצט די כלות, וואו זיינען די חתנים? וואו איז דאָס לעבן, וואו איז די פרייד? וואו זיינען די פייגנבוימער אייערע, וואו דאָס שאָף?"

„און איך וויל זי זען די נייע וועלט אַמאָל. די גאַנצע ערד זאָל מיין גייסט געהערן, פאַר אייך, מיינע קינדער.״

באָושאָווער האָט באַוואוסטזיניק באַנוצט זיך מיט דעם סטיל פון דער ביבל. ער האָט דאָס אויך געלויבט אין די פון אים פאַרערטע אַמעריקאַנער דיכטער.

„וואָלט וויטמאַן, — לויבט אים באָושאָווער, — „שרייבט זיין פּאָעזיע אין דעם סטיל, און זייער אָפט אין דעם טאָן פון דער ביבל. ער זינגט ווי די אַמאָליקע נביאים האָבן געזונגען — עבן אַזוי באַגייסטערט, מיט עבן אַזאַ טיפן גלויבן אין דער וועלט, אָדער אין דער גאָטהייט, מיט עבן אַזוי פיל פייער און פרישער נאַטירלעכקייט״. אויך עדווין מאַרקהאַמען לויבט באָו־שאָווער, אַז ער „רעדט און דענקט אין דער שפּראַך פון די גרויסע פּראָפעטן און נביאים״.

13

באָושאָווער און עדעלשטאַט

יוסף באָושאָווער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ גרעסערן יידישן שפּראַכלעכן באַגאַזש, ווי דוד עדעלשטאַט מיט אַ צען יאָר פריער. דער לעצטער, אַ געבאָרענער אין דער עכט רוסישער שטאָט קאַלוגאַ, האָט ערשט אין אַמעריקע דערלערנט דעם יידישן אלף־בית. באָושאָווער אָבער, געבאָרן און דערצויגן אין ליבאַוויטש, האָט גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש. געקענט תנ״ך און מדרשים. ער געפינט שוין אין אַמעריקע אַ יידישע ליטעראַטור־שפּראַך. ער לייענט אויך די ליטעראַרישע ווערק אין יידיש פון אייראָפּע. באָושאָווערן איז דעריבער ניט נייטיק געווען צו זוכן ווערטער און גראַמען ביי אַ פריער־

דיקן יידישן דיכטער, ווי עדעלשטאַט האָט עס געטאָן, ביים שרייבן זיין ערשטן ליד אין יידיש.[41]

באָוושאָווער האָט זיך דאָך געווענדט נאָך שפּראַך־פאָרמעס און סוזשעטן צו די פריערדיקע יידישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער. ער האָט דאָס אָבער געטאָן הויפּטזאַכלעך צוליב זייערע אַרבעטער־מאָטיוון. באַזונדערס האָט ער זיך געווענדט נאָך בילדער און סוזשעטן צו דוד עדעלשטאַט, פאַר וועלכן ער האָט, אַזוי ווי זיינע נאָענטע אידייע־חברים, געהאַט אַ געוויסן פּיעטעט. באָוו־שאָווער אָבער פאַרברייטערט און פאַרטיפט עדעלשטאַטס מאָטיוון, ער דיכ־טעט אויך איבער גאַנצע לידער עדעלשטאַטס און איינצלנע ווערטער־ביל־דער; ער גיט אָט די ווערטער נייע ווענדונגען, ער דערהייבט דעם סוזשעט צו אַ העכערן קינסטלערישן ניוואָ, אי לויט דער שפּראַך און אי לויט דער דיכטערישער פאָרם.[42]

שוין אין זיינע ערשטע לידער (זומער 1892) זעען מיר, אַז באָוושאָווער באַנוצט זיך מיט עדעלשטאַטישע מאָטיוון אויף אַ נייעם שטייגער.[43] באָוו־שאָווערס לידער פון יענער צייט („צו די שטערן", „צום ווינט", „צום שקלאָף", „דער בלומען־אינדזל", „פון מיין אַלבאָם" און אַנדערע) זיינען, אָן ספק, באַ־ווירקט פון עדעלשטאַטס לידער „שטערן און בלומען", „צו מיין פעדער", „אַ טרויעריקער געלעכטער", „דער רויטער זעגל", „פון מיין טאָג־בוך" און אַנ־דערע. אין דעם ערשטן ליד דיכטעט איבער באָוושאָווער עדעלשטאַטס סענ־טימענטאַל־ראָמאַנטישן סוזשעט אין אַ ליריש־סאַטירישן. אין דעם צווייטן ליד דריקט ער אויס אָן ענלעכן געדאַנק, ווי עדעלשטאַט, וועלכער האָט דער־קלערט, אַז זיין ליד איז געבאָרן געוואָרן פונעם הייליקן פייער. באָוושאָווער זינגט, אַז אונטער די „ווייסע ווערטער" פון זיין פען „קען מען פייער זען". אין דעם דריטן ליד רעדט באָוושאָווער, ווי עדעלשטאַט, וועגן „צאָרן און האַס" צום שונא און שרייט נאָך „ראַכע"; אָבער דאָ וואו עדעלשטאַט זינגט צו די אַרבעטער; איך „וויין און לאַך", ווייל „איר זייט אַזוי שוואַך", הייבט אָן באָוושאָווער „פאַר וויטיק צו לאַכן", זעענדיק, אַז „דער שקלאָף" וויל „זיך גאָר בעסער ניט מאַכן". אין דעם פערטן ליד הערט זיך אָן אָפּקלאַנג פון עדעלשטאַטס „אינדזל, וואָס פרייהייט הייסט". אין דעם פינפטן ליד (דער נאָ־מען איז ענלעך צו עדעלשטאַטס סעריע לידער „פון מיין טאָגבוך") דער־קלערט זיך באָוושאָווער פאַר אַ טרערן־דיכטער, פאַרן זינגער פון „די ליד, וואָס יעטווידער אות איז אַ טרער".[44]

אין זיינע לידער פון 1893 דיכטעט איבער באָוושאָווער עדעלשטאַטס סימבאָלן און גיט זיי אַ נייע באַדייטונג. צום ביישפּיל, דער ים איז ביי עדעל־שטאַטן דער סימבאָל פון דער פיינטלעכער וועלט, וואָס וויל צעשטערן די שיף פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ביי באָוושאָווערן אָבער (אין זיינע לידער „דער פראָסט" און „מערץ־בילדער") איז דער ים דער סימבאָל פון פאַר־אייניקטער מאַסן־קראַפט און פרייהייט. דער שונא סימבאָליזירט באָוושאָווער דורך דעם פראָסט, וואָס וויל איינצאַמען דעם ים און דורך דעם פעלזן־שטיין

(די „הערשער־וועלט“), וואָס פאַרצאַמט דעם וועג צום „ים פון פרייהייט“. אויך אין זיין ליד „פרייהייט“, נאָך הענרי מאקיי, שרייבט באָוושאָווער „פריי איז דער ים“, און אין זיין ליד „מיין געביט“ צעברעכן די כוואַליעס „די שיף פון טיראַניי“. די פאָרם פון דער ערשטער ליד „דער פראָסט“ דערמאָנט אָן עדעלשטאַטס „פאַרבלוטיקטע גייסטער“ (נאָך פריער האָט די דאָזיקע פאָרם באַנוצט ווינטשעווסקי אין זיין ליד „דאָס געשפענסט“). דאָס צווייטע ליד „מערץ־געדאַנקען“ איז געשריבן ביי דער זעלביקער געלעגנהייט, ווי עדעלשטאַטס „מערץ־בילדער“. זיי אונטערשיידן זיך אָבער גרינטלעך. עדעלשטאַט שילדערט די פאַריזער קאָמונע און די קומענדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע. באָוושאָווער, אָבער, דריקט אויס סימבאָליש זיין דראַנג צו פרייהייט בכלל און צו באַפרייאונג דורך רעוואָלוציע.

באָוושאָווערס טענדענץ צו געבן „געדאַנקען“, וואו עדעלשטאַט גיט „בילדער“, ווייזט זיך אַרויס אויך אין אַן אַנדער ליד פון יענער צייט, ווי למשל, „ביים שרייבן“ (מערץ, 1893). אַזוי ווי עדעלשטאַט אין זיין ליד „פאַרבלוטיקטע גייסטער“, זיצט באָוושאָווער אַליין אין זיין צימער און זעט „געשפענסטער“. עדעלשטאַט זיצט „פאַרטראַכט“. אויך באָוושאָווער זיצט „פאַרטיפט אין געדאַנקען“. עדעלשטאַט זעט „ווייסע געשפענסטער“, בעת באָוושאָווער הערט „געהיימע געשפענסטער“. עדעלשטאַטס באַנאַכטיקע געסט זיינען קאָנקרעטע געשטאַלטן: „רוסישע יונגע מאַרטירער“. ביי באָוושאָווערן זיינען זיי אָבער אַבסטראַקטע „צרות“ און „פלאָגן“. עדעלשטאַטס „געשפענסטער“ קומען דעריבער אַריין „גאַנץ שטיל“ צו אים אין צימער, בעת באָוושאָווער הערט נאָר „אַ גערויש, אַ געפילדער, אַ שרייען, אַ ליאַרמען“, אָבער זעט ניט קיין שום געשטאַלט.

אויך אין זיין ליד „צום קעמפער“, פאַרעפנטלעכט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, דיכטעט איבער באָוושאָווער עדעלשטאַטס אַ מאָטיוו אינעם ליד „צו אַ פריינט“. עדעלשטאַט רעדט דאָרט סימבאָליש וועגן דעם שווערן פרייהייט־קאַמף. ער זעט אַ „שיפער“, וואָס פירט אַ „שיפל“ אינעם שטורמישן ים און דערמוטיקט אים ניט צו פאַרלאָזן „דעם רודער“. עדעלשטאַט ווייזט אים אויף די „רויטע סיגנאַלן“, וואָס זעען זיך פון וויטן און דערקלערט אים, אַז דאָס קומט אים צו הילף די „הייליקע צייט“. באָוושאָווער באַנוצט ניט קיין סימבאָלן, נאָר ער ווענדט זיך דירעקט צום „איידעלן קעמפער“. ער גיט אים אַן „עצה“, ניט צו לאָזן „זיך פאַרפירן“ („זאָל שטורמען, בליצן, זאָל דונערן קראַכן, זיי שטאַרק“); צו פאַרבינדן דאָס „פילנדע האַרץ“ מיט דער „קומענדער צייט“, עס פאַרקניפּן מיט דער צוקונפטס „פאַרגאָלדעטע פעדים“.

ענלעך געפינט זיך ביי עדעלשטאַטן שוין אויך דער מאָטיוו פון באָוושאָווערס באַרימטער ליד „אַ מאָנאָלאָג פון דער דומהייט“. עדעלשטאַט האָט געטענהט צו די אַרבעטער: „ווייל איר זייט דום, דערפאַר זייט איר שוואַך“ („אַ טרויעריקער געלעכטער“). באָוושאָווער אָבער האָט עס אויסגעדריקט בילדעריש, און זיין סאַטיריש ליד איז אָן אַ שיעור ווירקזאַמער, ווי עדעל-

שטאַטס האַרציקע מוסר־זאָגעריי.

אויך דער גרויסער טראַט פאַראויס, וואָס באָוושאָווער האָט דורכגעמאַכט לגבי עדעלשטאַטן אין הינזיכט פון דיכטערישער מייסטערשאַפט, ווייזט זיך אַרויס אין זייער באַציאונג צום „זינגען" אַנשטאָט „יאָמערן". עדעלשטאַט קוקט מיט „ווילדן צאָרן", ווען מע זאָגט אים „זינג מיט לוסט"!

און ער ענטפערט בייז: „אָ, דומע שקלאַפן! רופט די טענצער, די פּאַיאַצן! און זיי אַמוזירן אייך מיט פּויקן און מיט טאַצן". באָוושאָווער אָבער דערקלערט, אַז ער „צאַצקעט די גראַמען", קלייבט די ווערטער, שרייבט איבער „פיל מאָל יעדע שורה", אפשר „ווערט דער טאַקט מוזיקאַלישער קלינגען, ווייל הייניקע צייטן... מע וויל, סע זאָל זינגען..." („ביים שרייבן"). און הערט זיך דאָך געוויין אין זיין ליד, אַזוי בעט זיך באָוושאָווער ביים אַרבעטער: „אָ, צאָרן ניט, ברודער", וואָס „עס כליפּעט מיין פידל, זי יאָמערט, זי וויינט אויף דיין צו גרויסן שמערץ". באָוושאָווער פּרוּווט אַ ווײַלע צונעמען עדעלשטאַטס פּאָזע און וואָרענען דעם אַרבעטער, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט „טראָגן געדולדיק די שענדלעכע קייט", וועט ער אים „וועקן" און „באַקלאָגן" („צום אַרבעטער"). לאַנג אָבער האַלט באָוושאָווער ניט אויס אין אָט דער עדעלשטאַטישער וועקער־ראָליע, און ער הייבט אָן זינגען מיט לוסט („לוסט־לידער"), „זינגען פאַר פריידן".

זיין ליד „דער געניוס דער מענטשהייט", צו דער געלעגנהייט פון דער וועלט־אויסשטעלונג אין שיקאַגאָ (זומער, 1893), האָט באָוושאָווער געשריבן אין אַ ביבלישן סטיל, וואָס איז עדעלשטאַטן געווען גאַנץ פרעמד. דאָך געפינען זיך אויך אין אָט דעם ליד אָפּקלאַנגען פון עדעלשטאַטס אַ ליד, „די צוויי־פּיסיקע חיה". עדעלשטאַט זאָגט דאָרט: „דער לאָרבער־קראַנץ פון אַ פרייעם דענקער אין אונדזער יאָרהונדערט איז — קייטן און שטריק!" ענדלעכס זאָגט באָוושאָווער: „פרייע קינסטלער — — — ליבט איר אויף שטריק צו ציען".

באָוושאָווערס ליד „איינזאַם" איז, מעגלעך, אַ בילד פון עדעלשטאַטס לעבן אין קאָלאָראַדאָ: „פאַרוואָרפן אין אַן איינזאַם, שטילן אָרט, ווייט פון פריינט און ווייט פון ברידער, וואו מע הערט קיין טרייסט־וואָרט", און כאָטש ער ליגט „געבונדן אויפן בעט, געבראָכן קראַנק", איז דאָך דער „קאַמף פאַר פרייהייט" זיין „איינציקער געדאַנק". דער סוזשעט דערמאָנט אין עדעלשטאַטס ליד „אויפן שלאַכט־פעלד", געשריבן, ווען ער איז שוין געווען שווער קראַנק. עדעלשטאַט דערציילט דאָרט, אַז „ווי אַ פאַרוואונדעטער זעלנער אין פעלד", ליגט ער איצט עלנט און זעט זיין „בלוט פליסן" אויף זיין „אַלטע צעבראָכענע שווערד". ער הערט „ווי די וואָפן קלינגען" און וויל „וואַרפן זיך אויף דאָס ניי אינעם קאַמף.

דער פידל־מאָטיוו אין באָוושאָווערס לידער „צו מיינע ברידער", „צו מיין מוזע" און „זינגען אָדער פלוכן", האָט ער, מעגלעך, מיטגעבראַכט פון זיין אַלט־היימישער סביבה. אָבער באָוושאָווערס געדאַנק, אַז דער רעוואָלו־

ציאַנערער דיכטער איז ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן (ער איז די פידל און זיי — די סטרונעס) איז שוין פאַראַן אויך ביי ראָזענפעלדן און עדעלשטאַטן: „ניט פריי איז אין זינגען דער דיכטער" — „צו דער ליידנדער מענטשהייט" איז ער „געבונדן מיט אַ „עלעקטרישן דראָט" (ביי ווינטשעווסקין איז עס פשוט אַ טעלעפאָן). כאַראַקטעריסטיש פאַר באָווש אָווערס דיכטונג איז, וואָס אין זיין צווייטן פעריאָד, ווען ער דערוויטערט זיך פון זיינע „אַלטע לידער", פאַרבייט ער דעם באַגריף „ברידער" אויף „אויסערלעכער וועלט". ער שרייבט דעמאָלט (אין זיינע „געדאַנקען און באַטראַכטונגען"): „איך בין אַ פידל פאַר דער אויסערלעכער וועלט! דורך מיינע נערוון ציען דורך די ווינטן פון דער וועלט . . ."

דעם קאַמף קעגן רעליגיע האָט עדעלשטאַט, אַזוי ווי ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד, געפירט הויפּטזאַכלעך מיט דעם וואָפן פון סאַטירע. דאָך געפינען זיך אין באָוושאָווערס קינסטלער־פילאָסאָפישן ליד „צום גלויביקן" אויך אָפּקלאַנגען פון עדעלשטאַטס אַנטי־רעליגיעזן ליד „צו די גאָטספאַרכטיקע בירגער". עדעלשטאַט דערקלערט דאָרט אַזוי: „פּוסט און גאָטלאָז, ברידער, איז דער הימל אוי געראַדע ווי אונטן, אַזוי אויך דאָרט אויבן „גיבט ניט קיין שפור פון אירגענד אַ גאָט", ווייל „דער גאָרנישט האָט קיין פלאַץ אין דער נאַטור". באָוושאָווער דריקט אויס עס קרעפטיקער, טיפער און שענער. ער ווייזט אָן, אַז דער גלויבן אין אַ גאָט איז „אַנטשטאַנען פון דער דומהייט און פאַרשטאַרקט דורך שרעק", און אַז דאָס האָט די „קנוטע" געצוואונגען דעם מענטשן אָוועקצוואַרפן דעם אייגענעם „איך" און זיך אויפצואָפּפערן „פאַר אים" —

„און ווייסט ווער דער ער איז, בעסטער פריינט?
דאָס איז די הערשער־מאַכט, די שטריק, די קייט,
וואָס בינדט דיך, קוועלט, און שענקט דיר נאָכן טויט
די שוואַרצע גרוב, אָנשטאָט דעם שיינעם הימל."

באָוושאָווערס ליד „צו מיין מוזע" אַנטהאַלט אין די ערשטע סטראָפעס אַלץ, וואָס עדעלשטאַט האָט וועגן דעם געזונגען אין אַ גאַנצער ריי לידער. עדעלשטאַט זאָגט אין זיין ליד „צו מיין פעדער": „מיין פעדער, דו ביסט מיין גייסטיקעס שווערד". באָוושאָווער זאָגט ענלעכס צו זיין מוזע: „דו הימלישע טאָכטער, דו הייליקע פיינע, נאָר דו ביסט מיין וואָפן, נאָר דו ביסט מיין שווערד". עדעלשטאַט זאָגט, אַז דורך זיין פעדער רופט ער „צום קאַמף און צו ראַכע" די „ליידנדע קינדער [פון] דער ערד". באָוושאָווער לויבט זיין מוזע, אַז נאָר דורך איר קאָן ער „וועקן די ליידנדע ברידער". אין זיין ליד „צו מיינע לעזער" דערקלערט עדעלשטאַט, אַז אין זיין געדיכט „רוישט דאָרט אַ טייך פון מענטשלעכע טרערן, צעמישט מיט דעם דיכטערס בלוט". באָוושאָווער דערציילט, אַז ווען די מוזע צעשמעלצט די „אייז־בערג", וואָס פרעסן זיין האַרץ, דאַן ווערט עס „צעשמאָלצן און הייבט אָן צו שווימען אין

טרערן אַ טייך". ס'זיינען אָבער פֿאַראַן אויך וועזנטלעכע אונטערשיידן ביי זיי. עדעלשטאַטס מוזע „וועקט" און „רופֿט מיט אַ קריגס־טרומפּייט", און „שטורעם־לידער קאָן זי נאָר זינגען". באָרשאָווער שפּילט אויף אַ האַרפֿע און פֿאַרגיסט „טוי־טראָפּן־טרערן" אויף אירע סטרונעס, פֿון וועלכע „אַן אָפּ־קלאַנג, אַ זיפֿצנדער לאָזט זיך הערן". עדעלשטאַט איז זיכער, אַז „נאָר דער טויט וועט אים צעשיידן מיט זיין פֿעדער. און ווען ער וועט פֿאַלן, וועט זי פֿאַר אים „ריידן צום פֿאָלק". באָרשאָווער אָבער בעט די מוזע אים ניט צו לאָזן „אַליין", און ביז ער וועט „פֿאַלן" זאָל זי באַלייכטן זיין זינען „צו וועקן די ברידער".

אין זיין טיף־דורכגעטראַכטן און דורכגעפֿילטן ליד „מיין געבעט" פֿאַר־טיפֿט באָרשאָווער עדעלשטאַטס סוזשעט פֿון זיין ליד „אין נאַטור־טעמפּל". עדעלשטאַט דערקלערט דאָרט, אַז ווען דאָס האַרץ איז פֿאַרוואונדעט פֿון „דער וועלט אומענדלעכן שלעכטס", איז דאָס בעסטע הייל־מיטל צו אַנטלויפֿן „פֿון דער שטאָט, פֿון קייטן און טרערן, פֿונעם בלוטיקן יאַגד נאָך געלט" — „צו דער נאַטור, אין איר גרינעם טעמפּל, אין איר פֿרייער צויבער־וועלט": דאָרט אין אירע אָרעמס „קען ער פֿאַרגעסן די וועלט פֿון יסורים און פּיין" און „אויף איר מוטער־שויס" קאָן ער „טרוימען אַ חלום אומשולדיק און שיין". עדעל־שטאַט דערקלערט אָבער ניט, פֿאַרוואָס ער באַנוצט זיך ניט מיט אָט דעם הייל־מיטל. דאָס טוט ערשט באָרשאָווער, וועלכער דעקט אויף די סתירה צווישן דער „פֿרייער צויבער־וועלט" פֿון דער נאַטור און דער „וועלט פֿון „יסורים און פּיין" פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. דערביי קומט באָרשאָווער צום זעלביקן אויספֿיר, וואָס עדעלשטאַט אין זיינע פֿרילינג־לידער. עדעל־שטאַט האָט דאָרט דערקלערט, אַז ביי זיין גאַנצער ליבע צו דער נאַטור קאָן ער זי ניט באַזינגען, ווען „קייטן באַרבאַרישע קלינגען"; ערשט, ווען ס'וועט „קומען אַמאָל דעם אַרבעטערס פֿרילינג", וועט ער (עדעלשטאַט) אים באַ־זינגען ווי „אַ דיכטער און סאָציאַליסט". באָרשאָווער, וועלכער איז געווען פֿאַר־ליבט אין דער נאַטור ביז צום „פֿאַרגעסן די וועלט פֿון יסורים און פּיין", בעט זיך ביי איר, זי זאָל איינשטילן אירע „זיסע אַקאָרדן", ווייל איר ליד וויל זיין „ליבע צום שוואַכן דערמאָרדן". ער ווייזט אָן, ווי עדעלשטאַט, אויף די שווערע מענטשלעכע ליידן אין דער קעגנוואַרט און פֿאַרענדיקט זיין ליד, אַז ערשט דעמאָלט, ווען דער קאַמף וועט אָפּשאַפֿן די סתירה צווישן נאַטור און געזעלשאַפֿט, און די מענטשהייט וועט „טרינקען פֿון לעבנס פֿאַרפֿור־מירטע קוואַלן" מיט „פֿרייד אויף דער וועלט", וועט ער (באָרשאָווער) דער־טרינקען זיין זעל אין אירע גענוסן מיט „רואיקן זיסן געמיט". שפּעטער, אָבער, אין זיין ליד „די פֿאַנטאַזיע" (אין דער סעריע „געדיכטע") און אין איינעם פֿון זיינע לעצטע פּראָזע־ווערק „פֿאַנטאַזיעס" (נאָוועמבער, 1899) זוכט באָרשאָווער צו פֿאַרגעסן וועגן דערווירקלעכקייט דורך אַנטלויפֿן צו די שאָטנס פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וואו עס „שוועבט דער גייסט זיך פֿריי פֿון דער ערדן־טיראַניי; זיפֿצן הערט מען דאָרט ניט; אַלעס גליט, און לעבט, און בליט,

אַלעס פרייט זיך, אַלעס לאַכט, אַלעס שטראַלט אין פולער פראַכט".

עכאָס פון עדעלשטאַטס לידער הילכן אָפּ אפילו אין באָװשאָװערס מײסטערדיקע רעװאָלוציאָנערע לידער „רעװאָלוציאָן" און „אַ געזאַנג צום פאָלק", געשריבן „אין דעם סטיל און — — — אין דעם טאָן" פון די אַלטע יידישע נביאים, װאָס ער האָט אַזױ שטאַרק געליבט ביי װאָלט װהיטמאַנען. אין דער דריטע סטראָפע פון דער ערשטער ליד הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פון עדעלשטאַטס ליד „אין קאַמף". די לעצטע סטראָפע פון דער צװייטער ליד דערמאָנט אָן עדעלשטאַטס װערטער אין זיין ליד „צו מײנע לעזער". עדעלשטאַט רעדט דאָרט װעגן די, װאָס „אַקערן, זײען און פלאַנצן די גאָלדענע פּירות, װאָס מיט דאַנקבאַרקײט װעלן פאַרדײען די פרייע, די גליקלעכע דורות!" באָװשאָװער הײסט דעם פאָלק נעמען „די געירשנטע אוצרות" און פון דער אַרבעט „די פּירות און שאַפנדיק לעבן און געניסנדיק שאַפן אין די פרייערע דורות".

ביידע דיכטער האָבן אַ ריי לידער מיט איין און די זעלביקע נעמען. אין דעם ליד „מיין לעצטער װאונטש", דריקט אויס באָװשאָװער, װי ס'איז שוין אויבן אָנגעװיזן געװאָרן, אַ קעגנזעצלעכן געדאַנק צו דעם װאָס עדעלשטאַט. נעענטער איינער צו דעם אַנדערן זײנען זיי אין דעם ליד „אַ גוט װאָרט". עדעלשטאַט אין זיין ליד מיט אָט דעם נאָמען הײסט האַנדלען „מענטשלעך", ניט פאַרלירן זיך „אין געפאַר" און װעקן מיט װערטער און טאַטן „דעם פאַרשקלאַפטן פראָלעטאַר". באָװשאָװער הײסט דאָס זעלבע, נאָר ער טוט עס אויף זיין באַליבטן שטייגער דורך אַ משל: דער בוים קימערט „זיך ניט פאַר די מוראַשקעס, װאָס קריכן אויף זיין האַלץ" — אָט אַזױ, „ברידער, װען איר קעמפט און טראָגט די מענטשן־פליכט אויף זיך — — — נעמט אַ ביישפיל פון דעם בוים און קימערט זיך ניט אום דעם „איך" . . . "

לעבנדיק אין אַ קרייז, װוּ עדעלשטאַטס ליד איז אָפט געזונגען און ציטירט געװאָרן, האָט באָװשאָװער ניט געקאָנט ניט זיין באַװירקט פון עדעלשטאַטס מאָטיװן. באָװשאָװער פלעגט זיי, אָבער אַלעמאָל אויפהויבן אויף אַ גרעסערער קינסטלערישער הייך, באַזונדערס אין שפּראַך און פאָרם. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט באָװשאָװער מחמת זיין קנאַפער פאַרבונדנקייט מיט דער אַרבעטער־באַװעגונג, קיינמאָל ניט דערגרייכט צו אַזאַ גליענדיקער רעװאָלוציאָנערער באַגייסטערונג, װי עדעלשטאַט. ביידע, צום ביישפיל, האָבן שטאַרק געליבט מוזיק. ביידע האָבן אויך װעגן דעם געשריבן פראָזע־לידער: עדעלשטאַט — „מוזיק" („ געדיכט אין פראָזע") און באָװשאָװער — „געזאַנג" („אַ געמיט־בילד"). דער מער קאָנקרעטער עדעלשטאַט רעכנט אויס אַ צענדליק מוזיקער, װעלכע ער כאַראַקטעריזירט אַלס די „געטער פון דער מוזיק". ער איז באַגייסטערט פאַר די — „איידעלע דערהויבענע האַרמאָניע פון אומשטערבלעכע קינסטלער", װאָס זייער קונסט טראָגט אַװעק „אין אַ װאונדערבאַרע װעלט פון זונענשיין, בלומען און ליבע", װוּ אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אינעם „ים פון דער מוזיק", װוּ אַלץ „געפינט אַן אָפּקלאַנג אין איר

באַצויבערנדיקער האַרמאָניע".

מיט ניט וויניקער באַגייסטערונג, נאָר מיט אַ רייכערער און קרעפטי־קערער שפּראַך, רעדט באָושאָווער וועגן געזאַנג. ער רופט ניט אָן קיין נע־מען, נאָר שילדערט, ווי אַזוי פון דעם זינגערס ברוסט זינגען אַרויס „די וואָלקן און דער הימל, די בערג און די וועלדער, די ימים און די טייכן, די פאַרבן פון די פלאַנצן, פון די פעלזן און פון דער ערד — — — דער סוד פון ליבע, שמערץ, פּיין, פרייד, האָפענונג און לעבן — אַלעס, אַלעס, וואָס לעבט, וואָס שוועבט און אָטעמט אין דער גרויסער נאַטור". בעת, אָבער, דער באַגייסטערטער באָושאָווער פאַרגעסט ביים געזאַנג אינגאַנצן דעם קאַמף, קאָן עס עדעלשטאַט אפילו אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן. ביי זיין גאַנצער פאַר־ערונג פאַר די „געטער פון מוזיק", איז ער אָבער מער באַגייסטערט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מוזיק, וואָס „רייסט אייך אַוועק פון אייערע וואָ־כעדיקע געדאַנקען און עס ציט אייך פאָרווערטס, פאָרווערטס אין פרייהייט־קאַמף: פאָרווערטס אויף דעם ברייטן שלאַכטפעלד, וואו עס פלאַטערן די רויטע פאָנען, וואו עס הילכן די קאַנאָנען, וואו אונדזערע קאַמעראַדן פעכטן אַזוי בראַוו קעגן שונא און קעמפן ווי לייבן פאַר דער אַלגעמיינער באַפרייאונג!"

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס עדעלשטאַט, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט געזען דעם „גאָל־דענעם בריק" צו דער צוקונפט אין אַ פאַראייניקונג פון די אַרבעטער מאַסן אויף „שלאַכט־באַריקאַדן" („צום פאַראייניקטן פראָנט"), בעת דער רעוואָ־לוציאָנערער טרוימער באָושאָווער האָט געזען דעם וועג צו דער צוקונפט אין פאַרקניפן אירע „גאָלדענע פעדים" מיט דאָס „פּילנדע האַרץ" פונעם „איי־דעלעם קעמפער".

14

באָושאָווערס לעצטע טעג

באָושאָווער האָט פאַנטאַזירט וועגן אַ היים אין וואַלד, וואו ער זאָל קאָנען זינגען, שרייבן און חלומען אומגעשטערט.[45] ס'איז אָבער ניט געווען קיינער, וואָס זאָל אים שאַפן די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר דעם. זיינע ברידער, פּראַקטישע געשעפטסלייט, האָבן ניט געזען פאַר אים קיין תכלית אין זיין דיכטונג. באָושאָווער איז געווען אָנגעוויזן אויף דער קליינער צו־פעליקער שטיצע פון חברים און באַקאַנטע. דאָס האָט אים געצוואונגען צו פירן אַ באָהעמע־לעבן און אָפט אָפזאָגן זיך פון דעם סאַמע ביייטיקסטן אינעם לעבן. אָפט איז אים אויסגעקומען צו הונגערן אָדער גייז צופוס „אַן עכט — צען מייל צו אַ פריינט" (ניט האָבנדיק די פאָר פענעס צו באַצאָלן פאַר דער רייזע מיטן טראַמוויי), כדי „אָפצועסן אַ מאָלצייט" (אָנמערקונג 3).

דאָס זיין אָנגעוויזן כסדר אויף דער שטיצע פון זיינע באַקאַנטע, די

אָפּטע הימלאָזיקייט און וואָגלעניש און דאָס באַהעמע־לעבן האָבן ביסלעכ־ווייז אונטערגעמינעוועט באָוושאָווערס געזונטן קערפּער און אין אים אַנט־וויקלט די שלומערנדיקע קערנדלעך פון אומנאָרמאַלקייט. באָוושאָווער ווערט סוף־כל־סוף מיד פונעם אומאויפהערלעכן געראַנגל צווישן זיין דיכטער־שטאָלץ[46] און בעטלער־לעבן. ער ווערט באַהערשט פון אַ פאַרפאָלגונג־מאַניע[3] און ווערט וואָס ווייטער, אַלץ מער מעלאַנכאָליש. זיינע פריינט און קרובים זעען די אָנקומענדיקע געפאַר און טוען גאָרנישט צו פאַרהיטן זי ביז עס ווערט שפּעט און דער מידער גייסט אינעם שוואַכן קערפּער ווערט אינגאַנצן פאַר־טונקלט.[47]

ניט זייענדיק זיכער, ווען באָוושאָווער האָט געשריבן זיינע לידער „מיין פריינדין" (די מעלאַנכאָליע), „אומרו" א. ד. גל. קאָן מען אָבער זאָגן מיט זיכערהייט, אַז זיי דריקן אויס אַזוינע שטימונגען, וועלכע ער האָט געהאַט אין די לעצטע צוויי יאָר פון זיין שאַפן. באַזונדערס קאָן עס געזאָגט ווערן וועגן זיין ליד „אומרו", אין וועלכער באָוושאָווער רעדט וועגן זיך אָט אַזוי:

„אַ שטיקעלע שטויב אין גרויסן, ברייטן וועלט־רוים,
דאָך שטאָלצער פון אַ גאָט דורך זעלבסטבאַוואוסטזיין,
האָב איך, אַ טרוימער, געוואַנדלט דורך דעם לעבן,
— — — — — — — — — — — — —

אָ, ליבער אין אַ מדבר וואָלט איך שטאַרבן,
ווי וואַנדלען אין אַ וועלט פון פּראַכט און שיינקייט,
באַרוישט פון הייסן טויזנטפאַכן לעבן,
— — — — — — — — — — — — —

און פילנדיק די הייסטע פון פאַרלאַנגען
און דאָך פאַרברענט, פאַרצערט זיין און פאַרשמאַכטעט,
און אומגיין הונגעריק אין קאָרן־פעלדער
און דאָרשטיק ביי די מאַרמאָרנע פאָנטאַנען,
— — — — — — — — — — — — —

אָ, ליבער, אין אַ מדבר וואָלט איך וואַנדלען!"

יוסף באָוושאָווער איז געקומען קיין אַמעריקע, דערציילט ד״ר קאָהן,[3] מיט אַן „אייזערנעם קערפּער־געבוי". ער איז געווען „גלייך און שיין גע־וואקסן, געזונט ווי אַ יונגער בוים אין פולער בליאונג, מיט אַ שיינעם רונדן פּנים, ברענענד־שוואַרץ־ברוינע אויגן, אַ פיין געוועלבטן שטערן, אַ קאָפּ באַ־דעקט מיט פעך־שוואַרצע, געדיכט־געקרויזטע האָר, אַ גריכיש־געטאָקטן נאָז און אַ ליבלעכן שמייכל אויף די עטוואָס פולע ליפּן". די יאָרן פון שווערע ליידן אָבער, האָבן באָוושאָווערן געגעבן גאָר אַן אַנדער אויסזען: „דער לינקער אַקסל שטאַרק אַראָפּגעלאָזן, דער רעכטער אומנאַטירלעך הויך; דער

קאָפּ אַריינגעבויגן אין די פּלייצעס, דער פּנים בלאַס, די קליידער פאַרלאָזן, בלויז די אויגן ברענען נאָך מיט זייער אַמאָליקן פייער — — — צו יענער צייט פלעגן אים שוין מענטשן נאָכקוקן אין גאַס. די דינסטמיידלעך האָבן פאַר אים געציטערט". זיי האָבן אים אָנגערופן „אַ משוגענער טרעמפּ"! [48]

זיינע פריינט פלעגן אים „תמיד אויסמוסרן, פאַרוואָס ער פירט זיך ניט אויף ווי אַ מענטש" [3] זיי האָבן אָבער אפילו ניט אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי אים צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג. דאָס ראַדיקאַלסטע מיטל זייערס איז געווען אים אַרויסצופטרן פון ניו-יאָרק: „ווען מיר האָבן שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן פון אים", דערציילט ד"ר קאָהן, „פלעגן מיר אים געבן עטלעכע דאָלאַר, ער זאָל פאָרן צום ברודער אין אַלבאַני" [3]. ניט שטענדיק אָבער, פלעגט אויך דאָס דאַזיקע מיטל געלינגען. אָפטמאָל פלעגט באַוושאָווער פאַרשווענדן דאָס רייזע-געלט אויף זיינע באַלדיקע באַדערפענישן, און זיין שלעכטע לאַגע פלעגט בלייבן אומפאַרענדערט.

מיט יאָרן שפּעטער, האָט דער זעלביקער ד"ר קאָהן, אַליין אַן ארצט, אויפגעשטעלט אַ טעאָריע (זע אָנמערקונג 3), אַז יוסף באַוושאָווער איז אַרונטער פון זינען מחמת דעם, וואָס דער אויבנדערמאָנטער אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר, בענדזשאַמין טאַקער, האָט אים מיט אַ פיר יאָר פריער צופיל געלויבט" [40]. ד"ר קאָהן חזרט עס אויך איבער אין יאַנואַר 1936. ער דערקלערט, אַז בענדזשאַמין טאַקער האָט „אַ קאַפּטשקע איבערגעכאַפּט די מאָס. אויף אונדזער אימפּולסיוון, טעמפּעראַמענטפולן, שטאַרק אַמביציעזן יונגן דיכטער מאַכט עס אַ טיף שאָקירנדיקן רושם. סימנים פון אַ באַשטימטן פסיכאָז האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין אים שוין אין יענע יאָרן" [50].

דער פאַרזיכטיקער מאַקס נ. מייזל [5] גיט איבער דעם דאָזיקן אינצידענט אַ סך פשוטער. ער דערציילט, אַז ווען ב. טאַקער „האָט געדרוקט עטלעכע פון באַוושאָווערס לידער, האָט ער געוואָרנט די וועלט, אַז מע זאָל שנעל אָנערקענען דעם אויפגייענדיקן ענגלישן פּאָעט: אַז מען זאָל אים ניט פאַרנאַכלעסיקן און דערמיט ווידערהאָלן דעם גרויסן פאַרברעכן קעגן דעם ענגלישן פּאָעט קיטס. [51] קיין וואונדער, וואָס דער עקסצענטרישער באַוושאָווער איז געשוואומען אין די וואָלקנס פון אַזאַ לויב און אַזאַ פאַרגלייך. קיין וואונדער אויך, וואָס דאָס האָט באַשאַפן די לעגענדע, אַז טאַקער האָט מיט זיין לויבגעזאַנג געטריבן באַוושאָווערן צו משוגעת. דאָס איז זיכער ניט געווען דער פאַל."

לאָגישער פונעם ד"ר קאָן איז א. רודאש (זע אָנמערקונג 19), וועלכער פאַרבינדט באַוושאָווערס גייסטיקן צושטאַנד מיט זיין מאַטעריעלער לאַגע. א. רודאש דערציילט: „באַוושאָווער האָט גענומען ווערן מעלאַנכאָליש. אויך זיין מאַטעריעלער צושטאַנד איז געוואָרן אַלץ ערגער. ער פלעגט איבערזעצן פיעסעס פאַר אַדלערן [געמיינט אַזוינע, ווי די אויבנדערמאָנטע „איניציאַטיוון", אָדער אַנוואָרפן פאַר פיעסעס נאָך שילערס „קאַבאַלא און ליבע" און הויפּטמאַנס „פורמאַן הענשל"], אָבער פאַר זיין שווערער אַרבעט האָט ער

געקראָגן אַזוי ווייניק באַצאָלט, אַז ער פלעגט אָפט הונגערן. ס׳האָט אָנגעהייבן גיין מיט אים אַלץ ערגער און ערגער, ער איז געוואָרן אַלץ מער מעלאַנכאָליש, ביז ער איז סוף־כל־סוף אַריינגעפאַלן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע״.

אַלנפאַלס איז נאָך קיין שום דיכטער ניט אַראָפּ פון זינען פון צופיל ליוב־געזאַנג פאַר זיין דיכטונג. אויסער דעם איז באָוושאָווער געווען גענוג קענער פון דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור צו וויסן, אַז דער ליובגעזאַנג פונעם רעדאַקטאָר פון אַן אַנאַרכיסטישער אויסגאַבע האָט ניט געהאַט קיין שום רעזאָנאַנס אין די אַמעריקאַנער ליטעראַרישע קרייזן. פון דער אַנדערער זייט, האָט באָוושאָווער געזען אַרויסגיין אין צוויי אויפלאַגעס די ענגלישע איבערזעצונג פון מאָריס ראָזענפעלדס שאַפּ־לידער. ער האָט אויך זיכער געוואוסט פון די באַגייסטערטע עסייען און אַרטיקלען פון די אנערקענטע אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער אין ליטעראַרישע זשורנאַלן און אין דער טעגלעכער פרעסע איבער ראָזענפעלדס שאַפּ־דיכטונג. באָוושאָווערן איז אויך געוויס געווען באַקאַנט פראָפעסאָר ווינערס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״ (אַרויס אין ענגליש, אָנהייב 1899), אין וועלכער ס׳ווערן אַרויסגעשטעלט אַלס פאָרשטייער פון דער יידישער אַרבעטער־פּאָעזיע בלויז ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד און עדעלשטאַט (באָוושאָווער ווערט דאָרט דערמאָנט בלויז אַלס „שיילאָק״־איבערזעצער). נאָך מער: אינעם זשורנאַל „דער נייער גייסט״ (ניו־יאָרק, 1898), אין וועלכן באָוושאָווער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, האָבן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שרייבער (בודין, מילך, קאָברין) געפירט שטורעמדיקע דעבאַטן, צי איז מאָריס ראָזענפעלד אַן אַרבעטער־דיכטער אָדער ניט? וועגן באָוושאָווערן אָבער האָבן דעמאָלט די יידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור־קריטיקער, ווי אויך די אַנאַרכיסטישע, קיין וואָרט ניט געשריבן, פונקט אַזוי ווי וועגן די אַנדערע דעמאָלטיקע יונגע דיכטער: באַבאַד, ראָזענבלום א. אַנד. יוסף באָוושאָווער האָט דעריבער געקאָנט האָבן אַ סך פאַרדרוס, וואָס ער ווערט אַזוי ווייניק אָנערקענט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרלירן דעם זינען דערפון, וואָס אינעם משך פון אַרום אַכט יאָר שאַפן איז ער איינמאָל געלויבט געוואָרן אין אַ ווייניק־געלייענטער אַנאַרכיסטישער אויסגאַבע.

ס׳איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו דער דיכטער מוז קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ דורך שווערער פיזישער אַרבעט (וואָס איז אויך אָפט ניט מעגלעך צו באַקומען), אָדער קליין־האַנדל און אַנדערע אַזוינע ניט־זיכערע און גייסט־פאַרצערנדיקע פרנסות, האָט אַזאַ דיכטערישער טרוימער, ווי יוסף באָוושאָווער, ניט געקאָנט האָבן קיין אַנדער סוף, ווי אָדער „דורך אַ פריצייטיקן טויט אָדער אין אַ משוגעים־הויז״,[3] דאָך באַפרייט ניט אינגאַנצן דער דאָזיקער אומשטאַנד באָוושאָווערס פריינט פון שולד. זייער אייגענער אָרגאַן „פרייע אַרבעטער־שטימע״ דערקלערט פאַר „זיכער, אַז זיין [באָוושאָווערס] גייסטיקע קראַנקהייט האָט זיך אָנגעהויבן

פיל פריער, איידער ער איז דערקלערט געוואָרן פון דאָקטוירים פאַר וואַנ־זיניק. און ווער ווייס, אפשר, ווען מע וואָלט זיך געכאַפּט באַצייטנס און אָנ־געווענדעט די בעסטע מיטלען צו באַרויִקן זיין אויפגעטרייסלטע נשמה, וואָלט מען נאָך געקאָנט אים ראַטעווען".[52] ענלעך דערקלערט ד"ר קאָהן (זע אָנמערקונג 3), אַז מען האָט "געקאָנט דערקענען די ערשטע, אָבער אומ־פעלבאַרע, סימנים פון אונדזער דיכטערס דעגענעראַציאָן. זיינע אימפּולסיווע טאַטן, די גוזמאדיקע קראַפט פון זיינע געפילן,[47] זיין אומרויִקייט, די ענ־דערונג אין זיין אויסזען, אין זיין כאַראַקטער און שטאַנדהאַפטיקייט, זיין אומ־פייִקייט זיך צו קאָנטראָלירן און דער פאַרלוסט פון דער מינדסטער אינ־טערעסע אין זיין אומגעבונג — אַלעס דאָס האָט דייטלעך אָנגעוויזן די ווענ־דונג, אין וועלכער דער שיקזאַל האָט אים געטריבן".

די אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס באָוושאָווערס אינטעליגענטע און וואויל־האָבנדיקע פריינט האָבן גאָרנישט געטאָן צו ווירקן קעגן דער דאָזיקער "ווענ־דונג" פונעם "שיקזאַל", גיט מאַקס ב. מייזעל (זע אָנמערקונג 5). ער שרייבט אַזוי:

"אַ זייער ליבלעכע און פריינטלעכע נאַטור, האָט אים די גנאָסן־פאַ־מיליע ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם; האָט אים שטאָלץ אויפגעפּאַסט אויף זיין וואַקסן אַלס פּאָעט און האָט אויך מיט ווייטיק אָנגעהויבן באַמערקן זיין וואַקסנדיקע אויפגערעגטקייט, זיין אָפטן פאַרגעסן זיך, זיינע עקסצענט־רישע שריט, וועלכע זיינען ביסלעכווייז אַריבער אין משוגעת, און גראָד ווי עס טרעפט אין אַ סך אָרעמע פאַמיליעס האָט אויך די פאַמיליע אונדזערע ניט געוואָלט גלויבן, אַז ער ווערט טאַקע שטאַרק קראַנק . . . "

אין זיינע זכרונות[5] גיט אויך מאַקס ב. מייזעל די פאָלגנדיקע אינפאָר־מאַציע וועגן באָוושאָווערס לעצטע טעג אין ניו־יאָרק, ווען ער האָט שוין שטאַרק געליטן פון זיין פאַרפאָלגונג־מאַניע:

"ער [באָוושאָווער] האָט ביז גאָר דער לעצטער צייט געוואוינט מיט וועמען עס איז פון די גנאָסן [חברים] און האָט אויך מער ווי איין נאַכט פאַרבראַכט ביי מיר. די לעצטע צייט איז ער איינגעשטאַנען אין דעם "מילס" האָטעל,אויף ריווינגטאָן סטריט און האָט זייער פיינט געהאַט[56] צו בלייבן איינער אַליין אין זיין צימערל. ניט איין נאַכט האָב איך און אַנדערע פריינט זיינע אַרומגעשפּאַצירט מיט אים, ביז ער פלעגט ווערן טויט־מיד. דאַן פלעגט ער אַריינגיין אין האָטעל און באַלד אַנטשלאָפן ווערן אין זיין צימערל. די לעצטע נאַכט וואָס איך האָב מיט אים אַרומשפּאַצירט, האָב איך שוין אַליין מורא געהאַט צו ברענגען אים צו מיר אין מיין צימער, אויף מעדיסאָן סטריט; און איך האָב אַלץ געמיינט, אַז איך נאָר אים אַריין אין זיין קאַ־מערל אין האָטעל. ער האָט זיך אָבער כסדר אומגעקערט, מיך כלומרשט באַגלייט צוריק, צו מיר . . . און מירביידע האָבן זיך אַזוי געוואַרט ביזן

ליכטיקן טאָג, ווען ער איז ענדלעך אַריין צו זיך. איך פּלעג זיך אָפּט פרעגן: ווער פון אונדז ביידן האָט קלאָרער געזען זיין ציל און וועמען האָט די גאַנצע פּראָצעדור געקאָסט מער — דעם קלאָרן מייזעל, אָדער דעם „משוגענעם" באָוושאָווער?"

מאַקס נ. מייזעל פאַרענדיקט: „קיינער פון אונדז האָט ניט געהאַט דאָס האַרץ אים אַריינצוגעבן אין אַ דולהויז, און ווער דאָס האָט ענדלעך יאָ געטאָן — ווייס איך עד היום ניט".[54]

יוסף באָוושאָווערס פאַרשטאַנד ווערט דאַן אינגאַנצן פאַרטונקלט. די מעדיצינישע ספּעציאַליסטן דערקלערן אים פאַר אומהיילבאַר.[55] די ערשטע צייט פּלעגט ער אַרומגיין איבערן צימער, אינעם אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע און עפּעס דעקלאַמירן, אַמאָל אויך וואָס אויפשרייבן אויפן וואַנט. באַלד אָבער פאַרלירט באָוושאָווער יעדן צייכן פון גייסטיקער רעגונג, און ווען זיינע נאָענטע פריינט קומען אים באַזוכן, קוקט ער אויף זיי ווי אַ פרעמדער און ווייזט ניט אַרויס דעם מינדסטן צייכן פון פאַרשטאַנד. אָט אין אַזאַ טרויעריקן צושטאַנד לעבט אָפּ יוסף באָוושאָווער אַרום פופצן יאָר. דעם 20סטן אָדער 25סטן דעצעמבער,[56] 1915, שטאַרבט יוסף באָוושאָווער אינעם דולהויז פון פּאָקיפּסי, אויפן וועג פון ניו־יאָרק קיין אָלבאַני. זיינע ברידער מעלדן ניט אין ערגעץ וועגן זיין טויט. די עפנטלעכקייט דערוויסט זיך דערפון ערשט אין פעברואַר, 1916. די גאַנצע אַמעריקאַנער יידישע ראַדיקאַלע פּרעסע דריקט אויס דעמאָלט איר טרויער איבער דעם טראַגישן סוף פון דעם הויך־באַגאַבטן רעוואָלוציאָנערן דיכטער.

באָוושאָווער ווערט אָבער אויך נאָך זיין טויט ניט באַלד אָנערקענט. אינעם ערשטן מאָמענט, אין איר נעקראָלאָג, שרייבט די „פרייע אַרבעטער־שטימע" (12טן פעברואַר, 1916), אַז באָוושאָווער איז געווען איינער פון די גרעסטע „יידישע אַמעריקאַנער פּאָעטן". אָבער מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער שרייבט שוין איר דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר ש. יאַנאָווסקי אין „צוקונפט" (מערץ, 1916), אַז באָוושאָווער איז אין זיין צייט (די 90קער יאָרן) געווען אַ פּאָעט, און מען דאַרף אים ניט מעסטן לויט דער מאָס פון דער נייער צייט (נאָוועמבער 1916) און קומען צום שלוס, ווי געוויסע קריטיקער, אַז „יוסף באָוושאָווער איז געווען בלויז אַ מין סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר, נאָר אָנשטאָט צו רעדן צו די מענטשן פּראָסטע דבורים, האָט ער עס געטאָן אין גראַמען." אפילו ד"ר מיכאל קאָן, וואָס האָט געשריבן וועגן באָוושאָווערן מיט אַזוי פיל ענטוזיאַזם,[3] האָט דאָך געפונען פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז מען קאָן אים ניט שטעלן אין איין ריי מיט יהואש, פרוגן א. ד. גל.[57]

מיט דעם אויפקום פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ווערט באָוושאָווער פאַר אַ געוויסער צייט שטאַרק איבערגעשאַצט און אידעאַליזירט. ער ווערט דערקלערט פאַרן מוסטער פון אַ פּראָלעטאַרישן דיכטער און אַוועקגעשטעלט העכער פאַר די דריי רעוואָ־

לוציאָנערע דיכטער פון די 80ער יאָרן: ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד און עדעל־שטאַט. ביסלעכווייז אָבער ווערט באָוושאָווער אַוועקגעשטעלט אויף זיין געהעריקן פּלאַץ. מיר זעען אין אים אַ טאַלאַנטפולן דיכטער, וואָס האָט פיל געלערנט פון זיינע דריי פאָרגייער און האָט אַריינגעטראָגן אין זיין דיכטונג אַזוי פיל נייע קרעפטיקע טענער, אַז ער איז ווערט געשטעלט צו ווערן אין איין ריי מיט די דריי פיאָנערן פונעם סאָציאַליסטישן ליד אין יידיש.

ביבליאָגראַפיע פון יוסף באָוושאָווערס ווערק אין בוך-פאָרם

1. ווערק אין יידיש

1903

1. „פּאָעטישע ווערקע
לאָנדאָן, גרופּע „פרייהייט". 96 זייטן.

1906-1907

2. „לידער און געדיכטע"
לאָנדאָן, ראַדיקאַלע פאָלקס-ביבליאָטעק, „אַרבייטער-פריינט"-דרוקעריי. 64 זייטן.

3. „בילדער און געדאַנקען"
לאָנדאָן, רודערמאַנס פאָלקס-ביבליאָטעק. פאַרלאַג פון רודערמאַן. יעגערס דרו-קעריי. 26 זייטן.
אינהאַלט: „אויס דעם טאַגעבוך פון אַ פרוי" (ז"ז 9-3), „די שטראָף פון דער נאַטור" (ז"ז 16-10), „זיין אָדער ניט זיין?" (ז"ז 21-17), „פאַנטאַזיעס" (ז"ז 26-22).

4. „בילדער און געדאַנקען"
לאָנדאָן, 2טע אויפלאַגע. 64 זייטן.

1907

5. „בילדער און געדאַנקען"
לאָנדאָן, אַרויסגעגעבן פון ל. פרידמאַן. געדרוקט ביי י. נאַראַדיצקי. 64 זייטן.

6. „לידער און געדיכטע"
לאָנדאָן, אַרויסגעגעבן פון ל. פרידמאַן. געדרוקט ביי י. נאַראַדיצקי. 64 זייטן. פרייז 5 סענט. אין אַמעריקע 10 סענט. אין רוסלאַנד 20 קאָפּ.

1911

7. „געזאַמלטע שריפטן" (פּאָעזיע און פּראָזע)
ניויאָרק, אַרויסגעגעבן פון די „פרייע אַרבעטער-שטימע". פרייז 1 דאָלאַר.
אינהאַלט: י. באָוושאָווער, זיין לעבן און זיין שאַפן, פון ד"ר מיכאל קאָן (ז"ז 28-3), לידער און געדיכטע (91 לידער, ז"ז 83-3), געדאַנקען-בילדער און סקיצן (ז"ז 278-187), פּאָעזיע און גרויסע מענער (ז"ז 347-281).

1916

8. „געזאַמלטע שריפטן" (פּאָעזיע און פּראָזע)

ס'איז די זעלביקע אויסגאַבע פון 1911. ס'איז בלויז צוגעגעבן אַ זייטל וועגן באָוושאָווערס טויט. ס'איז אָבער ניט אָנגעמערקט, אַז ס'איז אַ נייע אויפלאַגע. אויך די דאַטע אויפן טיטל-בלאַט: „ניו-יאָרק, 1911" איז ניט געענדערט.

1918

9. „געקליבענע לידער"

„יידיש-סאָציאַליסטישע ביבליאָטעק", נומער 2.

פּעטראָגראַד, פאַרלאַג: צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט. 32 זייטן. פּרייז איין רובל.

אינהאַלט: פאָרוואָרט פון ש. אַגורסקי (ז"ז 3-12), לידער (ז"ז 15-32), „מיין געבעט", „צום ווינט", „מיין לעצטער וואונטש", „צום שקלאַף", „רעוואָלוציאָן", „צום קעמפער", „מערץ-געדאַנקען", „אַ געזאַנג צום פאָלק", „אַ מאָנאָלאָג פון דער דומהייט", „און אַנמער נאָך", „פרידן", „דער פרייהייט-קעמפער", „צו די אַרבע-טער", „אַנטשלאָסנהייט", „צו די שטערן", „אויפן שטערבע-בעט", „איינזאַם", „פרייהייט", „נאָך העכרי מאַקיי", „די זיפצנדע שטומע".

1931

10. „געקליבענע לידער"

מאָסקווע-כאַרקאָוו-מינסק, צענטער-פאַרלאַג, ווייס-רוסישע אָפּטיילונג. 190 זייטן. אַריינפיר פון ש. (ס.) אגורסקי.

11. „געקליבענע לידער"

אויסוואַל און רעדאַקציע א. פּעפּער — ע. פינינבערג, קיעוו, קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג, „קולטור-ליגע", 100 זייטן.

12. „געקליבענע לידער"

די זעלביקע אויסגאַבע צוזאַמען מיט די לידער פון מאָריס ווינטשעווסקי און דוד עדעלשטאַט.

לידער (ז"ז 171-262), טעקסט-ענדערונגען (ז' 304-318), דייטשמעריזמען, העברעאיזמען און רוסיציזמען (ז"ז 318-319), אינהאַלט (ז"ז 323-324).

13. „ליטעראַטור פאַר דער שול"

די ערשטע יידישע אַרבעטער-דיכטער (מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער), צונויפגעשטעלט און געגעבן אַן אַריינפיר — י. ד. קורליאַנד.

מאָסקווע-כאַרקאָוו-מינסק, „צענטר-פאַרלאַג" (ווייס-רוסישע אָפּטיילונג). ז"ז 99-114.

אינהאַלט: צו מיינע ברידער. צום אַרבעטער, צום ווינט, שטיל איין, אָ, נאַטור! נאַטור-לידער, דער פראָסט, מערץ-געדאַנקען, דער בלומען-אינדזל, צום שקלאַף, אַ מאָנאָלאָג פון דער דומהייט, אַ געזאַנג צום פאָלק, די קוילנגיסער, צום שטאַרקער די סטרונעס, רעוואָלוציע, דער פרייהייט-קעמפער, מיין לעצטער וואונטש, עפּיגראַמען.

2. ווערק אין ענגליש

1928

אַהער איז אַריין 16 לידער איבערזעצט פון יידיש דורך ראָזע פרימאַן — אישיל און 11 לידער, געשריבן פון באָושאָווערן אין ענגליש. די 16 איבערזעצטע לידער זיינען: „פרילינג-לוסט", „דער בלומען-אינדזל", „צום ווינט", „ענטשלאָסנ-קייט", „מערץ-געדאַנקען", „פרילינגס-געוויטער", „מיינע מיטמענטשן" („צו די ברידער"), „צום אָנדענק פון י. עדעלשטאַט", „אַ מאָנאָלאָג פון דער דומהייט", „בענקשאַפט" („דאָס בענקען נאָך שיינהייט"), „צו מיינע ברידער", „רעוואָלוציאָן", „ליבע-לידער", „די מיידלס ליבע-לידער", „ערינערונגען פון קינדהייט".

פון באָושאָווערס 11 ענגלישע לידער זיינען צוויי — „צו די אַרבעטנדיקע" און „מיט דער נאַטור" איבערגעדיכטעט פון זיינע יידישע לידער: „צום פאָלק" און „נאַטור-לידער". דאָס ענגלישע בוך האָט אויך אַ מאָטאָ אין יידיש פון באָו-שאָווערס ליד „דערפאָלג":

„מע דאַרף נאָר וועלן, אום צו קאָנען שאַפן:
מע דאַרף נאָר שטרעבן, אום צו קאָנען זיין.
מיר קאָנען פריי זיין, אָדער ווערן שקלאַפן,
ס'איז ווי מיר אָרדנען אונדזער לעבן איין".

3. איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן

1899

15. שיילאָק אָדער דער קויפמאַן פון ווענעדיק, פון וויליאַם שעקספּיר, איבערזעצט — פון י. באָושאָווער. פאַרלאַג פון יהודה קאַצענעלבאָגן, ניו־יאָרק, תרנ"ט. 116 זייטן, פּרייז 15 סענט.

אין ענגליש איז אָנגעגעבן, אַז דער איבערזעצער איז באַזיל דאל און „דאָס רעכט אויפצופירן אויף דער בינע, געהערט צום איבערזעצער".

אַ בילד פון שעקספּיר אויף אַ באַזונדערס גוט פּאַפּיר. צום סוף עטלעכע זייטן ביכער-רעקלאַמעס.

1912-1911

16. שיילאָק אָדער דער קויפמאַן פון ווענעדיק, א. אַז. וו. ניו-יאָרק, פאַרלאַג „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני".

קענטיק, איבערגעדרוקט פון די מאַטריצן פון דער ערשטער אויסגאַבע אין 1899. דאָס יאָר איז ניט אָנגעגעבן. לויטן אינהאַלט פון די 13 זייטן רעקלאַמעס וועגן די אויסגאַבעס פונעם פאַרלאַג זעט אויס, אַז דאָס בוך איז אַרויס אין 1911 אָדער 1912. דאָס בילד פון שעקספּיר איז אין דער נייער אויסגאַבע ניט אַריין.

הערות

1. דאָס געבורט-יאָר 1872 איז געווען אָנגעגעבן אין די נאָטיצן וועגן זיין טויט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע, אין 1916, ווי אויך אין באַסינס „אַנטאָלאָגיע", ניו-יאָרק, 1918. דער געבורטסטאָג, ערב יום-כּפור, ווערט דערמאָנט פון ד"ר מיכאל קאָהן אין זיין אַריינפיר צו „באָוושאָווערס געזאַמלטע שריפטן", ניו-יאָרק, 1911. לויט זיין חשבון אָבער איז באָוושאָווערס געבורטס-יאָר, 1873 (ערב יום-כּפור, 1872, איז געווען דער 11טער אָקטאָבער און 1873 — דער 30סטער סעפּטעמבער). אַ דרוקפעלער שיינט צו זיין די דאַטע 1875 אין אַלעקסאַנדער האַרקאַווים „יידיש-אַמעריקאַנערש פאָלקס-קאַלענדאַר", 1900-1899, ז' 87, אין אַ נאָטיץ צו באָוושאָווערס אַן ענגליש ליד.

2. לויט אַלעקסאַנדער האַרקאַווים נאָטיץ (זע אָנמערקונג 1) איז יוסף באָוושאָווער געבאָרן געוואָרן אין האָרקאָ.

3. ד"ר מיכאל קאָהן (זע אָנמערקונג 1).

4. „פרייע אַרבייטער שטימע", 3טן יאַנואַר, 1936, אינעם לייט-אַרטיקל.

5. מיר דערציילט מינדלעך, אין 1932; שפּעטער האָט ער עס באַשריבן („ווי איך האָב געקענט באָוושאָווערן") אין דער „פרייע אַרבייטער שטימע" פאַרן 3טן יאַנואַר, 1936.

6. דאָס שטימט מיט דער געבורטס-דאַטע 1872 (זע אָנמערקונג 1).

7. אַזוי גיבן אָן זיינע מערסטע פריינד, אָבער לויט האַרקאַווים נאָטיץ פון 1899 (זע אָנמערקונג 1) איז באָוושאָווער אָנגעקומען קיין אַמעריקע ערשט אין 1892.

8. אַ קלאָוקמאַכער (דאַמענשניידער) פלעגט דעמאָלט פאַרדינען דורכשניטלעך ניט מער ווי זיבן-אַכט דאָלאַר אַ וואָך, בעת אַ פּאָריער האָט פאַרדינט פון זיבן ביז צען דאָלאַר און אַמאָל אויך ביז צוועלף דאָלאַר אַ וואָך (ה. בורגין, „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג", ניו-יאָרק, 1915, ז' 297).

9. אין 1906 האָט אַ ניו-יאָרקער גראָסעריִמאַן (באַקאַליי-קרעמער) מיך אויפגעקלערט, פאַרוואָס אַזוינע פּערזאָנען, ווי באָוושאָווער האָבן ניט געקאָנט אָנפירן קיין „גראָסערי-סטאָר". דער דערציילער אַליין איז פריער געווען אַ שניידער און האָט געהערט צו אַן אַנאַרכיסטישן קרייז. ווען ער איז געוואָרן אַ קרעמער, האָט דער דערציילער איינגעלאַדן אַלע זיינע חברים פון שאַפּ און פונעם קרייז צו קויפן ביי אים אין קראָם. זיי זיינען גערן געקומען אים געבן צו לייזן. די מערהייט פון זיי האָט אָבער גענומען אַלץ אויף באָרג און נאָכדעם ניט געקאָנט באַצאָלן. ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיך אויסגעלערנט פון אַנדערע קרעמער צו מאַכן אַזוי, אַז די גוטע צאָלער זאָלן באַצאָלן פאַר די שלעכטע. ער האָט עס געטאָן דורך רעכענען הויכע פרייזן, ניט געבן קיין פולע וואָג און ענלעכע מאַניפּולאַציעס, וואָס דער דיכטער באָוושאָווער איז ניט געווען אימשטאַנד עס דורכצופירן.

10. דעם דאָזיקן רוסישן נאָמען האָט באָוושאָווערן, מעגלעך, געגעבן דער רוסיפיצירטער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער-צייטונג", וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו ענדערן די נעמען פון זיינע מיטאַרבעטער.

11. ווינטשעווסקי: „ווייגען אָדער לאַכן". עדעלשטאַט: „אַ טרויעריקער געלעכטער" (זע ווייטער אינעם קאַפּיטל „באָוושאָווער און עדעלשטאַט").

12. דאָס איבערחזרן די ווערטער „איינציק, איינציק" אין דער לעצטער שורה איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באָוושאָווערס לידער פון יענער צייט. אויך אין דער לעצטער שורה פון זיין ליד „דער בלומען-אינדזל" חזרט איבער באָוושאָווער די ווערטער: „די דערנער, די דערנער".

13. זע ווייטער קאַפּיטל 9 („באָוושאָווער און עדעלשטאַט").

14. די אַנאַרכיסטישע פּירערין עמאַ גאָלדמאַן האָט „געפּרובירט צונויפקלייבן אַרום זיך אַ הונגעריקן עולם און האָט זיי געגעבן די עצה טובה, אַז זיי זאָלן זיך אַ לאָז טאָן אויף די בעקערייען, אויף די רעסטאָראַנען פון די רייכע און זאַטע און נעמען אַלץ, וואָס זייער האַרץ גלוסט“ (י. קאָפּעלאָוו, „אַמאָל אין אַמעריקע“, 1928, ז' 368).

15. בורגין, געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, ז' 339.

16. באָוושאָווער מיינט דאָ דאָס תלמודיש ווערטל „גם זו לטובה“, וואָסט באַטייט אָננעמען פאַר ליב אַלע צרות.

17. אין דער אָפיציעלער אַנאַרכיסטישער אויסגאַבע פון באָוושאָווערס געזאַמלטע שריפטן“ (ניו-יאָרק, 1911) איז אָנשטאָט די ווערטער „על פי נוסח „אַרבעטער-צייטונג“ אַריינגעשטעלט דאָס וואָרט „סאַטירע“. אָבער אין די פריערדיקע לאָנדאָנער אויסגאַבעס פון באָוושאָוערס „לידער און געדיכטע“ איז אָנגעגעבן דער אַלטער נוסח.

18. די אַנאַרכיסטן האָבן דעמאָלט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אונטער דער מאַסקע פון שטיצן די אַרבעטלאָזע, זאַמלען די סאָציאַליסטן געלט פאַר גאָר אַנדערע צוועקן (בורגין, געש. פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, זייטן 339-338).

19. אין אַ פּערזענלעכן בריוו פון מערץ, 1934, און אין אַן אַרטיקל „אַביסל זכרונות“ („פרייע אַרבעטער-שטימע“, 3טן יאַנואַר, 1936).

20. אַ רודאַש דערציילט, אַז דאָס איז געווען אין אָנהייב זומער 1896. גלייכצייטיק באַמערקט ער אָבער, אַז דאָס איז געווען דעם זומער, איידער באָוושאָווער הייבט אָן שרייבן אין „ליבערטי“, וואו זיין ערשטע ליד האָט זיך געדרוקט דעם 7טן מערץ, 1896. מע דאַרף דעריבער אָננעמען, אַז דאָס אַלץ וואָס רודאַש דערציילט, האָט פּאַסירט דעם זומער 1895, איידער באָוושאָווער קומט צו בענדזשאַמין טאָקער, אין פעברואַר, 1896, ער זאָל אים העלפן קריגן ליטעראַרישע אַרבעט, און ער הייבט זיך אָן דרוקן אין ענגליש.

21. ד"ר קאָהן דערציילט (אין דער „פ. אַ. ש.“, יאַנ. 3, 1936), וועגן באָוושאָווערן, אַז „כמעט אַ גרינער, הייבט ער אָבער גלייך אָן שרייבן אין ענגליש אונטערן נאָמען באַזיל דאַל, פאַרן „ניו-יאָרקער האָום דזשורנעל“ און פאַר דער אַנאַרכיסטיש-אינדיווידואַליסטישער „ליבערטי“ אין באָסטאָן“. דאָס איז, נאַטירלעך, היפּש איבערגעטריבן. ב. טאָקער דערקלערט עפנטלעך, דעם 7טן מערץ, 1896, אַז ער האָט דער ערשטער געדרוקט אַן ענגלש ליד פון באַזיל דאַל, און דאָס איז דאָך געווען אַרום פיר און אַ האַלב יאָר נאָך באָוושאָווערס קומען קיין אַמעריקע און נאָכן אָפּזיין אַ געוויסע צייט אין ניו-הייווען, וואו ער האָט לויט דעם זעלביקן ד"ר קאָן (דאָרט) „שטודירט אַ געניועם יאָר ענגלישע ליטעראַטור אין יעיל-קאָלעדזש“.

22. מאַקס נ. מייזעל (זע אָנמערקונג 5) לייקנט אינגאַנצן, אַז באָוושאָווער האָט געלערנט ענגליש. ער דערקלערט, אַז „באָוושאָווער האָט זייער וויניק בילדונג געקראָגן, אָבער ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע פיואיקייט אַריינצוזאַפּן אין זיך אַלץ, וואָס זיין אויג האָט נאָר געזען. און פונקט אַזוי, ווי ער האָט ניט לערנענדיק קיין דייטש, געדענקט אויסווייניק היינע, האָט ער ענגליש אַריינגענומען מיטן אויג און געקענט זיינע ענגלישע פּאָעטן בוכשטעבלעך אויסווייניק. ער האָט געשריבן ענגליש, ניט ווייל ער האָט געלערט, נאָר דאָס געלייענטע האָט פון זיך אַליין אַרויסגעשפּרודלט פון אים. אַזוי האָט ער אין אַ פּאָר יאָר אַרום געשריבן ענגלישע לידער“. פון דער אַנדערער זייט, האָט ד"ר קאָן ביסלעכווייז געמאַכט יוסף באָוושאָווערן פאַר אַ רעגולערן סטודענט אין „יעיל-אוניווערסיטעט“. צוערשט (אין 1911 — אינעם אַריינפיר צו „באָוושאָווערס שריפטן“) האָט ער דערציילט, אַז באָוושאָווער האָט געלייענט די ענגלישע קלאַסיקער אין דער יעיל-ביבליאָטעק אין ניו-

הייוון, וואו ער האָט פאַרבראַכט „אַ וועלכע צען מאָנאַט". שפּעטער (אין 1928, אינעם אַריינפיר צו באָוושאָווערס ענגלישע לידער) דערציילט ער, אַז באָוושאָווער האָט „שטודירט מיט אויסערסטער התמדה" אינעם יעיל-קאָלעדזש. ס'הייסט, אַז באָוושאָווער האָט זיך יאָ אָפּגעגעבן מיט אַ „סיסטעמאַטישער לערע", מיט „פּראָגראַמען, טעקסט ביכער און באַשטימטע לעקציאָנען", און דאָס שטימט ניט מיט זיין, ד"ר קאָנס, אַרויסזאָגונג 17 יאָר פריער. אין זיין אַרטיקל „יוסף באָוושאָווער" („פריע אַרבעטער-שטימע", 3טן יאַנואַר, 1936) דערקלערט ד"ר קאָן, אַז באָוושאָווער האָט שטודירט אַ גענויעם יאָר ענגלישע ליטעראַטור אין יעיל-קאָלעדזש". ביידע דאַטעס, סיי „אַ וועלכע צען מאָנאַטן" און סיי „אַ גענויער יאָר" שטימען אָבער ניט מיט די זכרונות פון א. רודאש. באָוושאָווער איז אַוועק אין ניו-הייוון אָנהייב זומער און געקומען צוריק קיין ניו-יאָרק מיט עטלעכע חדשים פריער, איידער ער הייבט זיך אָן דרוקן אין ענגליש (אָנהייב מערץ, 1896). סיידן מע זאָל אָננעמען, אַז א. רודאשעס זכרונות שטאַמען פון זומער 1894, און אַז באָוושאָווער איז צוריקגעקומען פון ניו-הייוון קיין ניו-יאָרק אינעם זומער 1895.

לויט ווי לעאָן מאָסעיעף טיילט מיר מיט, האָט באָוושאָווער דערלערנט די ענגלישע שפּראַך דורך אַ ווערטער-בוך. דערצו האָבן אים מיטגעהאָלפן זיין אויסערגעוויינלעכער זכרון און זיין מערקווירדיקער שפּראַך-געפיל.

23. ד"ר קאָן דערציילט (זע אָנמערקונג 3), אַז איינער פון זייערע חברים, פישער, האָט באָוושאָווערן „אַריינגענומען צו זיך אין הויז און האָט אים אויסגעהאַלטן מיטן עסן, לאָזשי און קליינגעלט". דערפאַר האָט „ער געזאָלט לערנען מיט די צוויי קינדער דויטש". איז נאָך ניט גענוג, וואָס ער האָט ניט אויסגעפילט זיין לערערישע פליכט, זייענדיק אַ קנאַפּער פּעדאַגאָג, פלעגט ער אַרומגיין „גאַנצע נעכט איבערן צימער, זינגען און דעקלאַמירן ווי און ווען אים פאַלט איין". זאָגט אים פישער: „באָוושאָווער, זייט מוחל, זוכט זיך אַן אַנדער לאָזשי, מע קאָן פון אייך ניט לעבן". ענטפערט באָוושאָווער: „וואָס הייסט איך זאָל זיך זוכן אַן אַנדער לאָזשי? און וואָס פעלט מיר דאָ? מיר איז דאָ זייער באַקוועם. אלא, וואָס דען, איר קאָנט ניט ליידן, טאָ מופּט (קלייבט) זיך אַרויס אַנדערשוואו. נאָכדעם גיט ער ערנסט אַ פרעג: „היינען אָדער געטען וואָלט איר עס אויך געהייסן מופּן?"

24. יוסף באָוושאָווער האָט, אַזוי ווי זיינע ברידער די חזנים, געהאַט אַ שיינע קרעפטיקע טענאָר-שטימע. ער האָט אפילו פאַנטאַזירט צו ווערן אַן אָפּערע-זינגער. לויט ווי ד"ר קאָן דערציילט (זע אָנמערקונג 3), זיינען געווען קלאַנגען, אַז דער אָפּערע-זינגער זשאַן דערעזשקאָ האָט באָוושאָווערן אויפגעמונטערט צו קולטיווירן זיין שטים.

25. „פריע אַרבעטער-שטימע", 12טן פעברואַר, 1916, ז' 4.

26. ד"ר קאָן דערציילט (אין דער פ. אַ. ש." פאַרן 3טן יאַנ., 1936), אַז ווען באָוושאָווער איז צוריקגעקומען פון ניו-הייוון קיין ניו-יאָרק (זיכער ניט פריער פון סוף זומער 1895), נעמט ער „דרוקן אונטערן פּסעוודאָנים „טורבאָוו" „לידער, סקיצן, בילדער, אַרטיקלען". אין דער אמתן, אָבער, האָט באָוושאָווער גראָד אין זיינע ערשטע ווערק אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער „אַרבעטער-צייטונג" פון 1892, זיך אונטערגעשריבן „מ. טורבאָוו". אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך שטענדיק אונטערגעשריבן „י. באָוושאָווער", אָדער ווי אין די לעצטע יאָרן (אויך אין ענגליש): „באַזיל דאַל".

27. וואַרשיינלעך אַ פּסעוודאָנים. מאַקס נ. מייזעל האָט מיר דערציילט, אַז הערמאַן בערנשטיין האָט זיך אַמאָל אַזוי אונטערגעשריבן (לויט א. פרומקין אין די „פ. אַ. ש." פון 21סטן אַפּריל, 1939, האָט אויך עמאַ גאָלדמאַן געהאַט אַן ענלעכן פּסעוודאָנים — ע. ג. סמיט).

28. די „פֿרייע אַרבעטער-שטימע" פֿון 12טן פֿעברואַר, 1916, דערציילט אַזאַ עפּיזאָד: באָווישאָווער איז אַמאָל געקומען אין רעדאַקציע אין דער אָפּוועזנהייט פֿונעם רעדאַקטאָר און האָט געפֿונען, אַז די שריפֿטזעצער האָבן ניט וואָס צו טאָן. האָט ער זיך געזעצט ביים שרייבטיש און זיי געגעבן „מאַנוסקריפּט", וואָס „איז געווען דער ריכטיקער שטאָף, און איז זייער גוט צונוצגעקומען".

29. נאָך איינעם אָנהייב פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט פֿלעגן ניו-יאָרקער יידישע רעדאַקטאָרס ניט וועלן צאָלן קיין האָנאָראַר פֿאַר לידער, און אויב יאָ, האָבן זיי געפּאָדערט, ס'זאָל פֿאַרנעמען גאַנצע צייטונג-שפּאַלטן. ס'איז ניט זיכער, צי באָווישאָווער האָט אויף דעם אָנגעטייט אינעם סוף פֿון זיינע עפּיגראַמעס, וואו ער זאָגט, אַז „דיכטונג פֿאַר דעם ייד מוז מען וועגן אויף געוויכטער". (משה זייפֿערט, אַ מיטאַרבעטער פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע זינט די 80קער יאָרן, פֿלעגט וועגן דעם דערציילן פֿאָלגנדיקן אַנעקדאָט: אַ דיכטער ברענגט זיין פּעקל לידער צו אַ יידישן צייטונג-אַרויסגעבער. דער לעצטער דערקלערט, אַז לידער קויפֿט ער בלויז אויפֿן וואָג און באַדינגט זיך מיטן דיכטער וועגן פּרייז. נאָכן אָפּוועגן דעם מאַנוסקריפּט דערקלערט דער אַרויסגעבער, אַז זיין פּרייז פֿאַר אַ פֿונט לידער איז געמיינט אַ חוץ פּאַפּיר, אַז ער צאָלט בלויז פֿאַרן אונטערשייד אין דער וואָג פֿון ריינעם און פֿאַרשריבענעם פּאַפּיר . . .).

30. דאָס איז, נאַטירלעך, איבערגעטריבן. באָווישאָווער האָט שוין מער-ווייני-קער פֿאַרשטאַנען ענגליש נאָך איידער ער האָט אָנגעהייבן סיסטעמאַטיש שטודירן די ענגלישע שפּראַך און ליטעראַטור.

31. א. רודאַש (זע אָנמערקונג 19) דערציילט וועגן דעם אַזוי: „ווען בענ-דזשאַמין טאָקער האָט איבערגעלייענט באָווישאָווערס לידער, האָט ער באַטראַכט דעם יונגן דיכטער, דעם עמיגראַנט, „דעם פֿרעמדן", און ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז זיין ענגליש. אָבער ווען באָווישאָווער האָט אים איבערצייגט, אַז ער איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון די פּאָעמעס, האָט זיי טאָקער אָפּגעדרוקט אין „ליבערטי".

32. גענויער וועגן דעם ווייטער אינעם קאַפּיטל „די צוויי פּעריאָדן פֿון באָווישאָווערס שאַפֿן".

33. באָווישאָווערס לידער אין דער „ליבערטי", ווי אויך אַ ריי לידער זיינע איבערזעצט פֿון ייִדיש אין ענגליש דורך ראָז פֿרימאַן-אישיל, זיינען אַרויס אין אַ באַזונדער אויסגאַבע, אין 1928 (זע ווייטער אין קאַפּיטל „באָווישאָווער ביבליאָ-גראַפֿיע", נומער 14). אַכט פֿון באָווישאָווערס ענגלישע לידער איבערזעצט אין יידיש פֿון א. פּלאַטנער זיינען דערשינען אין „שטערן", מינסק, מערץ, 1936.

34. לויט מאַקס נ. מייזעל האָט באָווישאָווער זיינע בעסטע לידער אין ענגליש געשריבן אונטער דער דירעקטער ווירקונג פֿון עדווין מאַרקהאַמס פּאָעזיע. באָווישאָווער האָט שפּעטער אויך באַשריבן מאַרקהאַמען און איבערזעצט אַ טייל פֿון זיין ליד "The Man with the Hoe" („דער מאַן מיט דער גראַבליע". דאָס ענג-לישע „האָו" מיינט גענוי אַ יעט-העקל, אַ מין רידל צום יעטען) און נאָך דריי לידער.

35. י. ענטין, „יידישן פּאָעטן", 2טער טייל, ניו-יאָרק, 1927.

36. באָווישאָווערס אונטערשטריכן כּסדר די געזונטהייט פֿון די גרויסע דיכ-טער, שיינט, אַז ער האָט שוין דערפֿילט אַ מאַנגל אין דעם.

37. פּראָפֿעסאָר לעאָ ווינער האָט אַרום יענער צייט געפֿונען גענוג אַזוינע מוס-טערן פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט און זיי איבערגעזעצט פֿאַרן בעסערן ענגלישן לייענער אין זיין בוך

38. מאַקס נ. מייזעל (זע אָנמערקונג 5) דערציילט, אַז שעלי און קיטס האָבן אויף באָווישאָווערן געהאַט די גרעסטע ווירקונג, און אונטער דעם איינדרוק פֿון עדווין מאַרקהאַמס „מען וויטה דהי האָ" האָט באָווישאָווער אָנגעשריבן זיין אייגענע בעסטע ענגלישע פּאָעזיע.

39. ענלעכס זאָגט באָװשאָװער אױך אין זײַן ליד „לעבט אין פֿרידן": „װאָס מע דאַרף, זאָל יעדער טאָן, װי דער פּױער, אַזױ דער קעניג. װעמען, זאָגט, װעט דאָן זײַן װײניק?"

40. פּונקט קאַפּויר האָט זיך אויסגעדריקט עדעלשטאַט אין זײַן ליד „צו די פֿינצטערע בטלנים", װאו ער לאַכט אויס די ייִדישע „פּאַטריאָטן", װאָס לעבן פֿון „כאַפּ-לאַפּ" און „רופֿן אין דעם לאַנד פֿון אונדזערע אבות, הין װאו עס הונגערט יעצט דער טערק און דער אַראַב".

41. דוד עדעלשטאַט, ביאָגראַפֿיע, פֿון קלמן מרמר, פֿאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935, ז"ז 41-42.

42. עדעלשטאַט האָט געפֿאָדערט בלויז צו „װעגן יעדעס װאָרט און יעדן גע-דאַנק" („אַן די שריפֿטשטעלער"). באָװשאָװער אָבער האָט געפּוצט און געשליפֿן זײַנע לידער. ער האָט אויך אַ סך מער גראַם-פֿאָרמעס, װי עדעלשטאַט. דער לעצטער האָט פֿון אומגעפֿער 135 לידער 23 אין אויסגעלאָזטע גראַמען, 11 אין פּאָר-גראַמען, 4 אין געמישטע גראַמען און 3 אין גאַרטל-גראַמען. די איבעריקע עטלעכע און נײַנ-ציק זײַנען אַלע אין קרייץ-גראַמען (דוד עדעלשטאַט, באַנד 1, ז' 111). באָװשאָ-װער האָט אָבער אין קנאַפּע 100 לידער—32 אין קרייץ-גראַמען, 26 אין אויסגעלאָזטע גראַמען, 18 אין פּאָר-גראַמען, 15 אין געמישטע גראַמען און 4 אין גאַרטל-גראַמען. דערצו זײַנען באָװשאָװערס געמישטע גראַמען זײער קאָמפּליצירט אינעם פֿאַרגלײַך מיט עדעלשטאַטס. צום בײַשפּיל, באָװשאָװערס ליד „די װינטער-זון" האָט צװײ-ערלײַ גראַמען: די שמאָלע שורות אינמיטן זײַנען אין פּאָר-גראַמען און אין די ברײטע שורות אינעם אָנהײב און סוף, אײַנגעטײלט אין דרײַ שורותדיקע סטראָ-פֿעס, גראַמען זיך שורות 1 און 3, בעת די 2טע שורה גראַמט זיך מיט דער נאָכ-פֿאָלגנדיקער סטראָפֿע. אין זײַן ליד „לעבט אין פֿרידן" גראַמען זיך די שורות 1 מיט 5, 2 מיט 3 און 4, 6 מיט 7, 8 מיט 9 און 11, 10 מיט 12 און 13. אין זײַנע לידער" (פֿון ענגליש) גראַמען זיך אין דער ערשטער סטראָפֿע: שורות 1 מיט 2, 3 מיט 4, 5 מיט 6 און 7; אין דער 2טער סטראָפֿע: שורות 1 מיט 2, 3 מיט 4 און 7, 5 מיט 6. עדעלשטאַט האָט בלויז 4, 6 און 8 שורותדיקע סטראָפֿעס. באָװשאָװער — 3, 4, 5, 6, 7, 8, 10 און 13 שורותדיקע סטראָפֿעס.

43. אַן אויסנאַם איז באָװשאָװערס אַלעגאָריש ליד „עס איז אַ טרוים דאָך ריכטיק" (5טן אויגוסט, 1892), אין װעלכן ער באַנוצט אַן אַלט-הײמישן ייִדישן פֿאָלקלאָר מאָטיװ (אַ שעפּעלע צװישן װעלף) פֿאַר דעם קאַמף צװישן אַרבעטער און באַסעס אין אַמעריקע. די ייִדישע אַרבעטער-לײענער פֿון יענער צײַט איז אָבער געװען מער צום האַרצן דוד עדעלשטאַטס סימבאָל פֿונעם „געפֿאַנגענעם שקלאַף" און מאָריס ראָזענפֿעלדס סימבאָל פֿונעם „לײב אין שטײג". שפּעטער שרײַבט טאַקע אויך באָװשאָװער, אין זײַן „פֿרילינג-געװיטער": „זײט װי די לײבן אין דער מדבר מעכטיק" . . .

44. באָװשאָװער דערקלערט זיך פֿאַר אַ טרערן-דיכטער אויך אין זײַנע לידער „מערץ-געדאַנקען", „צום אַרבעטער", „צו מײַן מוזע", „לוינען", װי אויך אין זײַן עסיי „װעגן פּאָעזיע".

45. אַזױ דערצײלט ד"ר מיכאל קאָן אין זײַן אַרײַנפֿיר צו באָװשאָװערס לידער אין ענגליש (זע אָנמערקונג 33).

(לעאָן מאָסעיעף האַלט פֿאַר מעגלעך, אַז באָװשאָװער װאָלט אויסגעמידן זײַן טראַגישן סוף, װען ער װאָלט געװאוינט אין אַ קלײן שטעטל, אין „רו און שטיל קײט").

46. ד"ר מיכאל קאָהן (זע אָנמערקונג 3) דערצײלט, אַז אין אַ שמועס מיט זײַן פֿרוי, װאָס פֿלעגט „תמיד" באָװשאָװערן „אויסמוסרן פֿאַרװאָס ער פֿירט זיך

ניט אויף ווי אַ מענטש, זיצט ניט אויף אַן אָרט, און דאָסגלייכן". האָט דער דיכטער „אינמיטן דערינען" צו איר געזאָגט: „איך בין אַ גאָט, מיסעס קאָהן! אַזעלכע ווי איר מוזן צו מיר דינען, מיט ערפורכט מיך באַטראַכטן און אַכטונג געבן מיר זאָל קיין זאַך ניט פעלן".

47. אָנהייב 1900 זעט מען שוין אין ערגעץ ניט קיין נייע ווערק פון באָוושאָווערס פעדער. ס'ווערט אָבער אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז באָוושאָווער איז קראַנק. אויך מיט 11 יאָר שפּעטער, אינעם אַריינפיר צו באָוושאָווערס „געזאַמלטע שריפטן" דערציילט ד"ר קאָהן בלויז, אַז באָוושאָווער געפינט זיך אין דול-הויז. ער גיט אָבער ניט אָן געניי, ווען באָוושאָווער איז קראַנק געוואָרן און אונטער וועלכע אומשטענדן. ער דערציילט אויך ניט וואו דאָס האָט פּאַסירט, אין ניו-יאָרק, אָדער אין אָלבאַני, ביי זיין ברודער אין הויז.

48. פרוי מאָסעיעף דערציילט מיר, אַז אין יענער צייט האָט באָוושאָווער ביי זיי אין הויז געמאַכט אַזוינע העוויות און געקוקט מיט אַזוינע ווילדע בליקן, אַז די קינדער זיינען געווען שטאַרק איבערגעשראָקן. ביי דער געלעגנהייט האָט באָוושאָווער צו איר באַמערקט אַזוי: „יעקב גאָרדין און ד"ר זאָלאָטאַראָוו וועלן מיר נאָך דערלאַנגען מיינע לידער אויף אַ גאָלדענעם טאַץ און וועלן זיך פאַר מיר בוקן און קניען".

49. געשטיצט, הפנים, אויף אָט דער השערה, שרייבט רייזינס לעקסיקאָן, אַז באָוושאָווער האָט שוין צו 22 יאָר, דאָס הייסט, אין דער צייט פון זיינע העכסטע פּאָעטישע דערגרייכונגען, אַרויסגעוויזן סימנים פון פּסיכישער קראַנקהייט.

50. „פרייע אַרבעטער-שטימע", 3טן יאַנואַר, 1936.

51. אין בענדזשאַמין ר. טאָקערס אַרטיקל „אַן אויסגעצייכנטער יונגער דיכטער", איבערגעדרוקט אין אישילס אויסגאַבע פון באָוושאָווערס ענגלישע לידער איז פאַראַן בלויז אַ „לויבגעזאַנג", אָבער ניט קיין „וואָרנונג" אויף שנעלער אָנערקענונג און ממילא ניט קיין פאַרגלייך מיטן ענגלישן דיכטער קיטס. מעגלעך, אַז אָט דער ניט-געשריבענער וואַריאַנט פון טאָקטערס אַרטיקל געהער צו דעם זעלביקן לעגענדע-ציקל, וואָס האָט זיך געוועבט אַרום דער דאָזיקער געשעעניש.

52. אין אַ צווייטן פּלאַץ (זע אָנמערקונג 41), דערציילט ד"ר קאָהן, אַז באָוושאָווער איז אויך פריער געווען עקסצענטריש, צולעצט אָבער איז ער געוואָרן קאַפּריזנע, היסטעריש, פול מיט שוואַכקייט און פּלוצימדיקע שטימונגען פון אַלע מינים. אַלס ביישפּיל פאַר דעם ברענגט ד"ר מיכאל קאָהן פאָלגנדיקן עפּיזאָד. צוזאַמען מיט באָוושאָווערן און נאָך איניקע זיינען זיי געפאָרן אויף אַ שיפל. אויפן וועג צוריק האָט זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען וואַסער. האָט באָוושאָווער געפאָדערט אָפּשטעלן דאָס פאָרן, אָדער ער גייט אַרונטער . . . ד"ר קאָהן האָט אים געמוזט צווינגען צו בלייבן זיצן ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום ברעג. (עדעלשטאַטס שוועסטער סאָניע [פרוי טעלסאָן], וואָס איז דעמאָלט מיטגעפאָרן אויפן שיפל, האָט מיר דערציילט, אַז באָוושאָווער האָט געשריען, אַז די וועלט וועט פאַרלירן איר גרויסן דיכטער).

וועגן באָוושאָווערס עקסצענטרישקייט דערציילן זיינע פריינד אַ סך מעשיות, ווי ער פלעגט אימיטירן די געוואוינהייטן און דעם גאַנג פון גרויסע שרייבער. אַזוי פלעגט ער אַרומגיין ביינאַכט איבערן הויז אין אַ ליילעך, נאָכצוטאָן באַלזאַקן, און האַלטן איין פלייצע אַרונטערגעלאָזן, ווייל אַזוי איז געגאַנגען אַ באַרימטער ענגלישער דיכטער.

53. ווען מ. נ. מייזעל האָט עס דעם אויטאָר מינדלעך דערציילט, האָט ער באַנוצט ווערטער „מורא געהאַט".

54. ווי לעאָן מאָסעיעף האָט מיר דערציילט, איז באָוושאָווער אַוועקגענומען געוואָרן אין אַ דולהויז אויף אַזאַ אופן: דער קראַנקער דיכטער איז צוגעקומען

צו אַן עלעקטרישן גאַסן-לאָמפּ און גענומען אויסטאָן זיינע קליידער. אַ פּאָליציי-באַאַמטער פירט אים דאַן אוועק אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק-קראַנקע, פונוואַנען די דאָקטוירים שיקן אים איבער, נאָך אַן אונטערזוכונג, אין אַ דולהויז.

55. אין יענער צייט האָט נאָך די מעדיצין ניט געוואוסט פון די מאָדערנע היילמיטלען קעגן Dementia Praecox Paranoid.

57. אין דער „פרייע אַרבעטער-שטימע" פאַרן 12טן פעברואַר, 1916, ווערט געמאָלדן, אַז באַוושאָווערס ברודער האָט ניט געקאָנט אָנגעבן גענוי די ריכטיקע דאַטע, ווען דער דיכטער איז געשטאָרבן. ער האָט אָבער געדענקט, אַז דאָס איז געווען דער „מאָנטיק פאַר קריסטמעס, 1915. דאָס הייסט, דעם 20טן דעצעמבער. אין דעם צוגעדרוקטן זייטל (אין אַפּריל, 1916), צו באַוושאָווערס „געזאַמלטע שריפטן" ווערט אָבער אָנגעגעבן דער 25טער דעצעמבער, אַלס טאָג פון באַוושאָווערס טויט.

57. אין אַלגעמיין איז דער גורל פון באַוושאָווערן געווען אַ לאַנגע צייט ענלעך צו דעם גורל פון עדעלשטאַטן. סיי די אונטערשטיצער און סיי די איבער-שעצער פון באַוושאָווערס דיכטונג האָבן זיך באַנוצט מיט ענלעכע אַרגומענטן, ווי אין זייערע עדעלשטאַט-אַרטיקלען. די מערסטע שרייבער האָבן געוויינלעך גערעדט וועגן ביידע דיכטער צוגלייך.